STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 11763

BRIV FUN SHRIFTSHTELER UN FRAYNT TSUM DIKHTER DAVID FEFER

David Feffer

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

AMHERST, MASSACHUSETTS

413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG

WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY

WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust

Arie & Ida Crown Memorial

The Seymour Grubman Family

David and Barbara B. Hirschhorn Foundation

Max Palevsky

Robert Price

Righteous Persons Foundation

Leif D. Rosenblatt

Sarah and Ben Torchinsky

Harry and Jeanette Weinberg Foundation

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE

National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

בריוו

פון שריפטשטעלער און פריינט

צום דיכטער

דוד פעפער

ארויסגעגעבן

פון פארלאג, „זעגלען“, פעטערסאן, נ. דזש.

1951

PUBLIC LIBRARY
OF THE
CITY OF DENVER

E75445R

BRIV

FUN SHRIFTSHTELER UN FREIND

Zum Dichter

DOVID FEFFER

COPYRIGHT, 1951
by David Feffer
PATERSON, N. J.

341
Printed in U.S.A.
WALDON PRESS, INC.
203 WOOSTER STREET, NEW YORK 12, N. Y.

אינהאַלט:

אַ בריוו פון דוד איגנאַטאָוו 7
אַ באַגריסונג און בריוו פון פסח גאָלד 8
אַ בריוו פון פנחס גודמאַן 12
אַ בריוו פון ש. גילבערט 13
בריוו פון וואָלף געלבאַרט 14
בריוו פון פאולינע געלבאַרט 38
אויסצוג פון אַ רעפעראַט פון איזי געלער 48
צוויי בריוו פון א. דונקל 49
בריוו פון יאַנקל ווײַנבערג 51
אַ בריוו פון ז. ווײַנפער 53
בריוו פון ש. ד. זינגער 54
ז. טיגעל „וועגן דעם דיכטער דוד פעפער" 62
בריוו פון ש. טענענבוים 63
אַ בריוו פון דניאל טשאַרני 67
בריוו פון הענעך לייזעראָוויטש 68
צוויי בריוו פון קלמן מרמר 71
אַ בריוו פון י. י. סיגאַל 72
אַ בריוו פון א. פרינץ 73
אַ בריוו פון ריילי פילעצער 74
צוויי בריוו פון משה פריד 75
אַ בריוו פון מאיר פאַריז 76
אַ בריוו פון י. ל. קאַלושינער 77
אַ בריוו פון לאהלע קאָהן 78
אויסצוגן פון אַ רעפעראַט פון יאַנקל קאציק וועגן דוד פעפערס לידער 78
בריוו פון ברוך קאַצענעלסאָן 79
צוויי בריוו פון אהרן קאַרלין 81
בריוו פון חיים קרול 82
צוויי בריוו פון דר. א. א. ראַבאַק 94
אַ בריוו פון י. ה. ראַדאָשיצקי 95
אַ בריוו פון ראַבאַי דוד ראָזענפעלד 95
וועגן דוד פעפער׳ס לידער פון י. א. ראָנטש 95
וועגן דוד פעפערס לידער פון אברהם רייזען 96
אַ בריוו פון ישעיה שפיגל 96

ביכער אַרויסגעגעבן פונעם דיכטער דוד פעפער:

לידער, באַנד איינס, פֿעטערסאָן, נ .דזש., 106 זייטן, 1942.

לידער, באַנד צוויי, פֿעטערסאָן, נ. דזש., 109 זייטן, 1947.

אַ פּאָר ווערטער

איך דרוק אָפּ די בריוו אוים טיפער דאַנקבאַר־קייט צו מיינע פריינד און קאָלעגן, דיכטער און שריפטשטעלער, פאַר זייערע וואַרעמע טרייסט־ווערטער אין די טעג פון מיין צער, און פאַר דער האַרציקער פאַרשטענדעניש פאַר מיין דיכטונג.

דוד פּעפּער

פּעטערסאָן, יוני, 1951

אַ בריוו פון דוד איגנאַטאָוו

ניו יאָרק, דעם 5טן מאַי, 1947

ליבער דוד פעפער!

דערהאַלטן און דורכגעלעזן אייער בוך לידער. איך בין גערירט געוואָרן פון דער ריינקייט פון געפיל און פון דעם רעליגיעזן אָטעם.

די טיפע אָנגעבונדענקייט וואָס מיר האָבן צו די וואָס זיינען אַוועק פון אונדז, פאַרלענגערט זייער לעבן און פאַרפיינערט אונדזער זיין.

זאָלן זיין געשטאַרקט אייערע הענט און אייער גייסט!

אייער,

דוד איגנאַטאָוו

אַ באַגריסונג און בריוו פון פסח גאָלד

געלייענט דאָס בוך לידער, פון דעם לירישן פּאָעט דוד פּעפּער, און געוואָרן אַנטציקט פון זיינע טיף־נשמה׳דיקע געזאַנגען.
ווי שיין ער זינגט:

„כ׳רוף דיך
און אַז דו קומסט נישט
פאַרבלי איך,
ווי אַ גאָרטן.
ווייס איך נישט
וואָס איך בין:
צי אַ בלום,
צי אַ דאָרן —
דוכט זיך מיר
כ׳ביןביידע.
וואַרט איך אויף דיר,
ווי אויף אַ גערטנער,
אַז דו זאָלסט קומען
מיך באַלעבן".

אָדער:

„קוואַל רויטער —
גע׳טובל׳טע שטילקייט מיינע,
וואָס דרענגסטו זיך אַזוי?
שאַ, שטיל.
צוים אין די טיפן דיינע,
צוים.
וועלן גרונטן
אַראָפּציען דיך.
שוויג, שטום.
קלאַפּ אין די שטילקייט־טאַצן,

קלאַפּ.
ביז רגעס בלאָע
וועלן ווי רויגן־אייגלעך צוקוועטשטע
אין די טיפן פאַלן,
און ווי ווייס־געצוואָגענע שעפּסלעך
קלעפּן אָן דיר.
קוואַל רויטער —
גע׳טובל׳טע שטילקייט מיינע״.

דאָס זיינען די שענסטע און צאַרטסטע טענער פון אַ דיכטער. איך האָב געהאַט דעם גרויסן כבוד זיך צו באַקענען מיט דעם פּאָעט דוד פּעפּער פּערזענלעך. זיין וואַרעמע באַציאונג צו פריינד איז נשמה'־דיק. ער איז נישט בלויז אַ דיכטער מיט דער פּען: זיין האַרץ און נשמה איז דורכגעוועבט מיט אַלץ וואָס איז שיין און עטיש.

איך לייען און לייען און ווער באַגייסטערט פון זיינע אייגנאַרטיקע קריסטאַל־שיינע לידער. וואָס פאַר אַ צאַרטע געפילן זינגט ער אויס אין זיינע לידער! געפילן פון זיין צעוויייטיקט האַרץ, וואָס איז געליי־טערט אין ליידן: איבער זיין פאַרלוירענע בת־יחידה, וואָס איז יונג אַוועק פון דער וועלט. זי איז געוועזן דער שטאָלץ פון זיין לעבן און ווי זיבן זונען באַלויכטן זיין וועלט. איצט פילט ער זיך עלנט:

„גרעזל גרינס
אויפן בערגל
פון מיין בת־יחידה —
איך עמפּאַנג דיך,
ווי דעם שפּראָץ
פון איר יונגקייט
און דער אָנדענק
פון איר לעבן״.

פון דאָזיקן ליד פילט מען די בענקשאַפט פון דעם דיכטער נאָך זיין טייער קינד גוירטרוד (גענענדל).

נישט קומענדיק צו זיך פון שווערן קלאַפּ, וואָס האָט אים שטאַרק געטראָפן, איז אים ווידער אַ גרויס אומגליק געשען — זיין טייערע, גוטע פרוי אײדע (חיה). וואָס ער האָט זייער ליב געהאַט, איז אים פלוצלונג געשטאָרבן און צעשמעטערט זיין לעבן.

קלאָגט דער דיכטער:

„כ׳האָב געמיינט,
אַז פול איז מיין טרויער —
ביזן גרונט,
כ׳טרינק זיין סם.
האָט דיין טויט
אַ נייעם געבוירן
און פון ראַנד
כ׳הויב ערשט אָן״.

און:

„ווי אַ קישן
האָסטו דיין גוטסקייט
מיר אונטערגעלייגט,
ווייך געמאַכט מיין לעבן,
אַז נישט פילן זאָל עס
די האַרטקייט פון דער וועלט״.

אין אַ ווייטערדיק ליד:

„אָ, ווי כ׳וואָלט געוואָלט,
אַז ווי איך
זאָל די וועלט דערהערן
דעם ציטערדיקן קלאַנג

פון מיינע געפילן,

ווי כ'זינג

אין די שטילסטע טענער

מיין קדיש אויס".

דער דיכטער דוד פעפער האָט באַרייכערט די יידישע פּאָעזיע מיט זיינע געלייטערטע לידער.

געבענטשט זאָל זיין זיין קומען!

באַלטימאָר, מערילענד, דעם 23טן אַפּריל, 1951

מיין טייערער דוד פעפער:

שוין איניקע וואָכן ווי כ'געפין זיך אין באַלטימאָר אין אַ שפּי־טאָל. די דאָקטוירים גיבן האָפענונג, אַז כ'וועל געזונט ווערן, אָבער עס מוז נעמען צייט.

וואָס מאַכט איר? ווי פילט איר אין געזונט? אייערע לידער דער־ציילן פון אַ טיף־פאַרבענקטער נשמה. איר זענט אַ טיף־לירישער פּאָעט, און אייערע לידער זיינען אמתע פּערל אין אונדזער דיכטונג.

איך בעט אייך ליבער דוד, שרייבט מיר.

זייט געזונט און האַרציק געגריסט. אייער,

פסח גאָלד

אַ בריוו פון פנחס גודמאַן

פעטערסאָן, דעם 28טן יוני, 1945

מיין פריינט און קאָלעגע דוד פעפער:

זייט געטרייסט אויף דעם פאַרלוסט פון אייער איינציקער טאָכטער און ליבער פרוי. — ווען אַ מענטש האָט אַזעלכע צווי פאַרלוסטן איז אַודאי שווער צו טרייסטן. איך וויל איר זאָלט געפינען טרייסט אין איירע שטיל־ציטערדיקע געזאַנגען:

„גרעזל גרינס
אויפן בערגל
פון מיין בת־יחידה —
איך עמפּאַנג דיך,
ווי דעם שפּראָץ
פון איר יונגקייט
און דער אָנדענק
פון איר לעבן".

און אויפן טויט פון אייער גוטער פרוי ווי איר זינגט:

„פון אַ שאָטן
כ'וואָלט אַ שטראַל געוואָרן,
ווען דורכדרינגען
כ'קאָן ס'בערגל דיינס.
און מיין גוף
אונטערלייגן דיר,
אַז ער זאָל דיין קישן
און דיין ערד זיין".

אַזאַ ציטערדיק געזאַנג, וואָס נעמט דורך די נשמה מוז געפינען אַ טרייסט אין די אייגענע ווערטער.

זייט מיר האַרציק געגריסט. אייער,

פ. גודמאַן

אַ בריוו פון ש. גילבערט

ניו־יאָרק, דעם 1טן פעברואַר, 1942

טייערער פריינט און קאָלעגע דוד פעפער:

כ׳האָב איבערגעלייענט אייער בוך לידער און געהאַט אַן אמת גייסטיקן גענוס. כ׳וועל אים טייער האַלטן. מיין גרויסער וואונטש איז — אייער אייגנאַרטיק, עכט מאָדערנעם בוך, איבערזעצן אין ענגליש.

זייט מיר האַרציק געגריסט. אייער,

ש. גילבערט

בריוו פון וואָלף געלבאַרט

פילאַדעלפיע, 22טער מאַי, 1925

מיין ליבער דוד פעפער: —

איך בין שוין ווידער עטלעכע טעג אין פילאַדעלפיע. באַטירלעך בענקט זיך אַביסל נאָך פּעטערסאָן, נאָך מיין פאַמיליע וועלכע איז נאָך דאָרט, און נאָך די באַקאַנטע און פריינד מיט וועלכע איך האָב דאָרט פאַרבראַכט. אָבער איך קען אייך זאָגן, אַז איך האָב זיך דאָ שוין באַקענט מיט גאַנץ אינטעליגענטע מענטשן. מיט עטלעכע שרייבער, וועלכע געפינען זיך אין פילאַדעלפיע.

וואָס מאַכט איר און אייער פאַמיליע? וואָס מאַכט פריינד קרול? שרייבט עטלעכע שורות: עס וועט ביי מיר זיין זייער אָנגעלייגט.

מיט די וואַרעמסטע גרוסן צו אייך, אייער פרוי און קינדערלעך, צו פריינט קרול און אַנדערע.

אייער,

וואָלף געלבאַרט

פּעטערסאָן, 2 מערץ, 1927

ליבער דוד: —

איך געדענק ניט צי איך האָב איך געענטפערט אויף אייער שיין ליד „דער שמעטערלינג". — האָב עס נאָך אַמאָל איבערגעלייענט און ווידער געהאַט אַ גוטע מינוט. וואָס מאַכט איר?

די מיטגלידער פון דער „זעגלען"־גרופּע, האָבן אויף זייער לעצטן מיטינג גערעדט פון אַ פּלאַן אַרויסצוגעבן אַ ליטעראַרישע זאַמלונג פון אַרום 200 זייטן.

איר זייט דאַרום געבעטן צו באַזוכן די קומענדיקע זיצונג פון דער גרופּע דאָנערשטיק אָוונט דעם דריטן מערץ.

מיט די בעסטע גריסן צו אייך און אייער פאַמיליע.

אייער,

וואָלף געלבאַרט

פעטערסאָן, דעם 5טן מאַי, 1927

ליבער דוד!

שבת פאַר איך אין ניו יאָרק. דערפאַר, אויב איר קענט קומט אַרונטער פרייטיק אָוונט, מיין און בראָדוויי, אַרום האַלב אַכט.

אייער לעצט בריוועלע האָט מיך גערירט. אַ שיינער לירישער אויסגוס.

זייט מיר געגריסט. אַ וואַרעמען גרוס פאַר אייער איידע און אייערע ליבע קינדערלעך פון אונדז אַלעמען.

אייער,

וואָלף

פעטערסאָן, 11 יולי, 1927

ליבער דוד!

דערהאַלטן אייער ליד, וואָס געפעלט מיר זייער. אָבער אייער בריוו — אסור אויב איך הויב אָן פאַרשטיין.

איך בין נעכטן אָוונט געווען אין „מיין און בראָדוויי", אָבער איר זייט ניט געקומען.

מיט די בעסטע גרוסן,

אייער,

וואָלף

פעטערסאָן, 9 אַפּריל, 1930

ליבער דוד!

שוין לאַנג זיך נישט געזען. פאַסקודנע אומשטענדן. אָבער פאַרוואָס זעט מען איך ניט? די „פעדער“ איז שוין דערשינען און איר האָט דאָרט לידער.

מאָרגן פרי דאָנערשטיק ציען מיר זיך איבער אין אַ נייער דירה. מיר שיקן איך אונדזער אַדרעס.

מיט די פריינטלעכסטע גרוסן צו איך, אײדען, און די קינדער פון אונדז אַלע.

וואָלף

פעטערסאָן, 15 מערץ, 1932

טייערער דוד: —

צו אייער שיין ליד „דורכן שייבל“, האָט מיין ברודער מיכל געלבאַרט געשאַפן מוזיק. פרייט עס מיך.

וואָס מאַכט איר? און אײדע מיט די קינדער, וואָס מאַכן? איך און פאולינע וועלן מיר אינגיכן זיין ביי איך.

זייט אַלע געזונט און האַרציק געגריסט

אייער,

וואָלף געלבאַרט

26טער מאַי, 1933

פאַרבענקטער דוד:

דערהאַלטן אייער האַרציק בריוועלע. אייער בענקשאַפט מוזט איר איצט דוקא פאַריאָגן און זען דורכאויס צו ווערן געזונט. אַז איר וועט צוריקקומען וועט זיין פיל צו רעדן.

די דראַמע האָב איך אָנגעפאַנגען, אָבער איך קאָן אייך נאָך גאָרניט זאָגן.

מיט די בעסטע גרוסן פון אונדז אַלע.

אייער וואָלף

פעטערסאָן, נ. דזש., 2 יוני, 1933

מיין זייער ליבער דוד!

כ'האָב זיך פשוט ניט געקענט איינהאַלטן און כאָטש שרייבן עטלעכע שורות צו אייך. ראשית, ווי איר זעט קען איך אייך קיין געדרוקטע זאַך נאָך נישט שיקן. מילא, כ'מוז ווידער האָבן געדולד.

ווען איך שרייב צו אייך ווינטשן מיר — איך, פאולינע און די קינדער, אַז מיר זאָלן הערן פון אייך פריילעכע נייעס. דאָס מיינט, ערשטנס, אַז איר בענקט ניט, צווייטנס, אַז איר זייט געזונט און נאָך אַזעלכע גוטע זאַכן.

שלאַמאָוויטש איז ביי אונדז געוועזן לעצטן זונטיק און האָט געבעטן אייך צו שרייבן אַ גרוס פון אים. נ. סיגאַלאָווסקי האָט אויך געהייסן אייך גריסן. און מיר אַלע גריסן אייך אַוודאי און אַוודאי.

אייער וואָלף

פּאָקיפּסי, ניו יאָרק, 17 יולי, 1936

מיין זייער ליבער דוד!

דערהאַלטן היינט אייער בריוועלע. אַ בריוועלע אין אַ ליד, עס איז ווירקלעך אַ וואַרעם בריוועלע.

מיטוואָך קום איך אַהיים. דער פּלאַץ טוט מיר זייער גוט, סיי גייסטיק סיי פיזיש. הלואי וואָלט איך עס יעדן יאָר געקענט באַווייזן.

וועגן אַלע אַנדערע זאַכן וועלן מיר רעדן ווען איך וועל אַהיים־קומען. מיט גרוסן צו אַלעמען פון מיר, פּאולינע און פייגעלען.

אייער,

ו. געלבאַרט

ניו־יאָרק, 3טער יוני, 1937

טייערע דוד און איידע:

איך האָב אייך אַרויסגעשיקט די לידער און פאַרגעסן עפּעס צו־צושרייבן. איך בין נאָך דאָ, אָבער איך ריכט זיך יעדן טאָג צו פאָרן אין אַ זומער פּלאַץ. אַ דאַנק פאַר אייער פיין בריוועלע. איך און פּאולינע האָבן געהאַט הנאה דערפון.

מיט גרוסן פון אַלע צו אַלע,

אייער וואָלף

ניו יאָרק, דעם 16טן אויגוסט, 1937

טייערער דוד: —

דערהאַלטן אייער בריוו — אַ דאַנק!

וואָס מאַכט איר? וואָס מאַכט אײדע? און וואָס מאַכט די גאַנצע משפחה?

כ'האָב גערעדט מיט דעם דיכטער און רעדאַקטאָר פון „פעדער", אַהרן קאַרלין. אַלץ וועט זיין גוט. אָבער שיקט אים אַרויס כאָטש נאָך אַ פינף לידער. ער האָט מיר געזאָגט, אַז אין גאַנצן האָט איר אים געשיקט צוויי לידער. נאָך אַמאָל שיקט אים אַרויס נאָך אַ פינף אָדער זעקס לידער, פאַר דער „פעדער". וועגן דעם און וועגן אַנדערע זאַכן, וועל איך מיט אייך רעדן פערזענלעך ווי נאָר מיר וועלן ווידער האָבן אַ געלעגנהייט זיך צו זען.

זייט געזונט! און זאָלן אַלע פינצטערע בשורות פון דער וועלט אויסגיין צו היטלערס קאָפּ, און צו זיין גאַנצע גענגסטער־באַנדע.!

מיט פיל גרוסן פון אַלע צו אַלע, אייער,

וואָלף

ליווינגסטאָן מינאָר, נ. י. דעם 20סטן אויגוסט, 1937

ליבער דוד!

. . . נאָך אַלץ אייער אַלטע בענעקעניש . . . איר דאַרפט דאָך זיין צופרידן, וואָס איר זייט אויף דער פרייער נאַטור. ווייט פון שטאָט מיט איר טומל. מיר, איך און פאולינע זיינען דוקא יאָ צופרידן וואָס מיר זיינען דאָ. אונדזער פאַרם געפינט זיך הויך אין די בערג. די לופט איז גוט. און די שטילע נאַטור גיט אונדז צו געזונט. מיר שפּאַצירן אַ סך און שמועסן, לייענען און רעדן פון דעם געלייענטן.

משה פריד שרייבט מיר אַז אַ. שלאָמאָוויטש איז געשטאָרבן. איך האָב שוין די פינצטערע ידיעה געוואוסט פון פריער, און מיר האָבן באמת באַוויינט זיין יונגען טויט.

דאָ אין דער שטילער נאַטור־סביבה האָב איך ווידער אָנגעהויבן שרייבן. און עס שרייבט זיך, לאָזט הערן פון זיך וועגן אייער געזונט.

מיט פיל גרוסן

אייער,

וו. געלבאַרט

ניו־יאָרק, דעם 29סטן נאָוועמבער, 1937

מיין זייער ליבער דוד!

איך דעם טאָג וואָס איך האָב דערהאַלטן אייער פּאָסט־קאַרטל האָט איר דערהאַלטן אונדזער בריוול. ס'האָט אונדז זייער געפרייט אייער מיינונג וועגן מיין דערציילונג, און געפרייט האָט אויך ווען נאָך אַן אָנגעזעענער שרייבער האָט מיר געלאָזן וויסן, אַז די דערציילונג איז אים שטאַרק געפעלן געוואָרן: דאָס מיינט, אַז ער האָט באַשטעטיקט אייער מיינונג.

מיט די האַרציקסטע גרוסן פון אונדז אַלע צו אייך אַלע.

אייער וואָלף

28טער דעצעמבער, 1937

טייערער דוד: —

איך און פּאולינע האָבן געהאַט הנאה און מיר זיינען אויך געווען שטאַרק גערירט, סיי פון אייער שיינעם, האַרציקן אויסגוס אין פערזן און סיי פון דעם בריוול.

איך אַרבעט שוין וואָכנלאַנג איבער אַ גרעסערע שאַפונג. דער פּלאַן איז צו שאַפן אַ ראָמאַן פון דריי טיילן. דעם ערשטן טייל האָב איך פאַרטיק, ער איז אַן און פאַר זיך אַן אָפּגעשלאָסענער און קען באַזונדער געדרוקט ווערן.

ליבער דוד! איך בין נאָך קיינמאָל ניט געווען אַזוי זיכער און צופרידן בפרט פון אַ גרעסערער אַרבעט ווי איצט. איך באַאַרבעט עס שוין. ס'הייסט, איך שרייב עס איבער אויף ריין. דער טייל האַלט פון 25 ביז 30 צייטונג־קאָלומס. ס'גייען אַדורך טיפן, ווי אויסגעהאַקט פון שטיין. אינטערעסאַנטע טיפן און אויסגעהאַלטענע טיפן. וואו איך וועל אַזאַ שאַפונג קענען דרוקן, ווייס איך נאָך ניט. פּאָולינע וועט אפשר די וואָך זיין אין פּעטערסאָן ביי אייך, וועט זי אויך מיט אייך רעדן דערוועגן, אָבער קיינער, אַ חוץ אייך דאַרף דערווייל ניט וויסן דערפון.

מיט גרוסן צו אַלע פון אַלע.

אייער וואָלף

ליווינגסטאָן מענאָר, נ. י. דעם 25סטן יאַנואַר, 1938

ליבער דוד: —

בין שוין באַלד דאָ צוויי טעג אין דער „קאַונטרי". עס איז זייער אַ פיין פּלאַץ. עס איז אַ קליינער אָנגענעמער האָטעל. אָבער דער אייגנ־טימער איז אַ פּאַרמער, אַ גוי, און אַ גוטער, טייערער גוי, ער האָט אַ פאַרם אַרום דעם האָטעל וואָס ציט זיך עטלעכע מיילן ווייט. פאַראַן אַרום לאַנקעס און ריזיקע בוימער. אַז מען גייט אַרויס אויף די לאַנקעס דרייען זיך אַרום קי, הינער, קאַטשקעס, גענז, אינדיקעס און אפילו טויבן. עס איז אַן אמת׳ע פאַרם. אַלץ אַרום געמומען איז פאַר אונדזערס אַ מענטשן, מיט די צערודערטע נערוון, מיט דער שטאָטישער אומ־רואיקייט, וואָס גיט אַ פאַל אַריין אין אַזאַ פּלאַץ, איז פונקט ווי מען וואָלט פלוצים אַריינגעפאַלן אין אַן אַנדער וועלט.

די געסט דאָ זיינען ס׳רוב ענגליש רעדנדיקע. אין דער פרי פון זיבן ביז ניין שרייב איך. די איבריקע צייט פון טאָג פאַרברענג איך אין דרויסן אויף דער פרישער לופט.

היינט האָב איך פאַרענדיקט שרייבן אַ נייע דערציילונג. זייט מיר געזונט. איר, איידע און די קינדער מיט די וואַרעמסטע גרוסן צו אייך אַלעמען —

אייער וואָלף

ניו יאָרק, 14טן פעברואַר, 1938

טייערער דוד: —

דערהאַלטן וואָס איר האָט צוגעשיקט צוזאַמען מיט אייערע פּאָר שורות, אָבער מיר דוכט זיך, אַז איך האָב אייך נאָך ניט געענטפערט אויף אייער בריוול פון פריער, ניט קיין בריוול — עס איז געווען אַ שיינער פּאָעטיש־לירישער אויסגוס. עס האָט אונדז באַגייסטערט! מיך און מיין פאולינען.

איך האָב ווידער געהאַט אין „גערעכטיקייט" אַ פאַבריקן־בילדל.

מיט גריסן פון אַלע צו אַלע, אייער,

וואָלף

ניו יאָרק, דעם 2טן מאַי, 1938

מיין ליבער דוד פּעפּער: —

ווי פילט אײַדע? וואָס מאַכט איר אַלע? מיר האָבן דערהאַלטן אַ ביכל לידער פון מיין שוועסטער'ס זון. איר געדענקט דאָך, אַז ער פלעגט שרייבן לידער. ביי דער ערשטער געלעגנהייט וועלן מיר אייך אַריבערשיקן דאָס ביכל לידער.

זייט אַלע געזונט און מיט פיל גרוסן פון אַלע צו אַלע, אייער

וואָלף

ניו יאָרק, דעם 20סטן יולי, 1938

מיין ליבער דוד פּעפּער: —

ווי פילט איר זיך און די פאַמיליע אין די איצטיקע היצן? האָט איר שוין איבערגעלייענט מיין פלימעניקס ביכל לידער? אויב יאָ, שרייבט מיר אייערע איינדרוקן. וואָס הערט זיך אַזוי ביי אייך? ביי אונדז איז אַלץ ווי געווען.

מיט גרוסן פון אַלע צו אַלע, אייער,

וואָלף

ניו יאָרק, דעם 18טן אָקטאָבער, 1938

ליבער דוד: —

דערהאַלטן אייער בריוו. פּאולינע און איך האָבן ניט איינמאָל דערמאָנט, אין די טעג פון יום־טוב, — אַז עס האָט געברויכט צו זיין בעסערע צייטן היינט פאַר אונדז! כאָטש ווי עס איז געווען אַמאָל! און מיר וואָלטן אין אַזאַ יום־טוב זיך צוזאַמענגעקומען און זיך געפרייט אַביסל.

אך! וויפיל גרינגער ס'איז מיט יאָרן צוריק געווען אויפן האַרצן! און ווי גוט מיר האָבן פאַרבראַכט אַמאָל אַ יום־טוב!

שרייבט דוד, ווען איר קומט צו אונדז. דערווייל זייט אַלע געזונט און געגריסט פון אַלעמען אייער,

וואָלף

ניו יאָרק, דעם 1טן דעצעמבער, 1938

מיין ליבער דוד פּעפּער: —

דערהאַלטן אייער בריוול — אַ דאַנק.

איר האָט אַזוי ווייניק געשריבן. שייך איר האָט גאָרניט וואָס צו שרייבן פון זיך? ווי עס לעבט זיך, וואָס איר טוט? און וואָס אײדע מאַכט, און וואָס די קינדער מאַכן?

און גלאַט, איר האָט גאָרנישט אָנגעשריבן פאַר דער צייט, וואָס איר קאָנט אונדז צושיקן? האַ, דוד? שרייבט און שיקט צו.

מיר האָבן זיך געטראָפן מיט דעם אַרטיסט יצחק רויטבלום. ער שיקט אַ גרוס צו אייך! און דאָ אָט אַזוי. מ'הרגעט אַוועק טעג, מ'שרייבט צו ביסלעך און דאָס אַלץ . . . !

מיט גרוסן פון אַלע צו אַלע, אייער,

וואָלף

ניו יאָרק, דעם 15טן דעצעמבער, 1938

מיין ליבער דוד!

מיר האָבן עטלעכע מאָל איבערגעלייענט אייערע שיינע, רירענדע לידער און זיך געקוויקט מיט זיי!

וואָס מאַכט איר? און אידע מיט די קינדער וואָס מאַכן? וועגן אונדז ניט באַזונדערס. ווען מיר וועלן זיך זען וועלן מיר יאָ האָבן פון וואָס צו רעדן.

מאַכט ווידער אַ פּלאַן אַהערצוקומען אַביסל. שרייבט אַביסל מער.

מיט גרוסן פון אַלע צו אַלע, אייער,

וואָלף

ניו־יאָרק, דעם 21טן דעצעמבער, 1938

ליבער דוד: —

דערהאַלטן אייער האַרציק בריוועלע מיט דעם גאָר פיינעם ליד. פּאולינע און איך האָבן זייער הנאה געהאַט!

וואָס מאַכן אַלע?

אפשר וועט מיר קירצלעך אויסקומען צו זיין אין פּעטערסאָן.

מיט גרוסן פון אַלע אייערע,

וואָלף

ניו יאָרק, דעם 28טן דעצעמבער, 1938

ליבער דוד :—

ווידער זיך געקוויקט מיט אייערע אייגנאַרטיקע לידער. איך בין איבערהויפּט איצט אין אַ גוטער שטימונג. איך לייען די טעג היינען אין דייטש, און ווען איך האָב דערהאַלטן גראָד אייערע שיינע לידער, האָב איך טאַקע הנאה געהאַט, פון אייך און פון היינען... איך פיל איצט אַ ביסל בעסער.

וואָס מאַכט אידע ? און אַלע ? פּאולינע וועט אייך שרייבן באַזונדער.

מיט גרוסן פון אַלע צו אַלע.

אייער,

וואָלף

ניו יאָרק, דעם 20סטן יאַנואַר, 1939

ליבער דוד :—

איך קען איצט נאָך ניט פאָרן קיין פּעטערסאָן. כאַפּט זיך מיט אידען צוזאַמען אַהער אין אַ זונטיק.

נעכטן, מיטוואָך, האָב איך געהאַט געדרוקט אַ קליין, לייכט לעבע־דיק בילדל אין „פאָרווערטס”. האָט איר עס געזען ? שרייבט ווידער.

מיט די האַרציקסטע גרוסן פון אַלע צו אַלע.

אייער,

וואָלף

ניו יאָרק, דעם 31סטן יאַנואַר, 1939

מיין ליבער דוד!

אפשר וואָלט איר זיך פאַרט ווידער אַמאָל אַהער אַריבערגע־כאַפּט אין ניו יאָרק מיט אײדען? וואָס הערט זיך ביי אייך?

שיקט ווידער אַ פּאָר לידער אייערע ווי איר האָט עס שוין געטאָן אין עטלעכע בריוולעך פריער און אונדז אַזוי באַגייסטערט.

אויפריכטיק און מיט די בעסטע גרוסן צו אייך, איידען און די קינדער.

אייער,

וואָלף

ניו־יאָרק, דעם 10טן פעברואַר, 1939

מיין זייער ליבער דוד!

עס קוקט מיר אויס ווי מיר וואָלטן זיך שוין יאָרן לאַנג ניט געשריבן איינס ס'אַנדערע.

און טאַקע דערפאַר מיין איך אַז עס דאַרף שוין זיין אַזויפיל נייעס ביי אייך, אַז מ'דאַרף שוין אַזוי פיל הערן פון אייך. טאָ שרייבט טאַקע, וואָס איר, איידע און אַלע מאַכן. און גלאַט נייעס ווי עס לעבט זיך און ווי עס שאַפט זיך.

כ'וועל זיין אין פעטערסאָן, אָדער איר וועט דאָ זיין, וועט איר לייענען די לעצט־געדרוקטע און געשריבענע זאַכן. שרייבט.

מיט גרוסן צו אייך, איידען און די קינדער.

אייער,

וואָלף

נ. ב. פּאולינע וויל צו שרייבן אַ פּאָר ווערטער. מיר האָבן דערווייל דערהאַלטן אייער פיין בריוועלע.

ס'וואָלט מיר קיינמאָל ניט איינגעפאַלן, אַז איר וועט דאָרט זען דעם „אַמעריקאַנער".

דער באַלעבאָס איז געווען אין פלאָרידא קראַנק, דערפאַר האָט עס זיך אויפגעהאַלטן מיטן דרוקן מיין דערציילונג. דאָס מיינט, אַז איר האָט זיך באַמיט צו זען דעם „אַמעריקאַנער". זייער פיין, דוד!

וו. ג.

ניו יאָרק, דעם 3טן מערץ, 1939

מיין ליבער דוד!

זייט אַזוי גוט און שיקט מיר אַ פינף־זעקס פון אייערע לידער. טוט עס גליך!

איך בין צופעליק געווען ביי בידערמאַנען אין ביכער־קראָם, האָב איך דאָרט גענומען ז. רייזענס „לעקסיקאָן" און איך האָב אייך געפונען. „ — פעפער דוד, געבוירן מאַי 6 1892 אין לאָדז. 1909 געקומען אין אַמעריקע, באַשעפטיקט אין דער זייד־אינדוסטריע אין פעטערסאָן. זינט 1920 פאַרעפענטלעכט לידער אין „פאָרווערטס", „פרייע אַרבע־טער שטימע", „שטערן", „מאָרגענשטערן", „פרייהייט", „זעגלען", „פעדער", „אויפקום", „שיקאַגאָ", „קענעדער אָדלער", „שריפטן", — אַלזאָ שיקט מיר אַרויס די לידער. מיט גרוסן פון פאולינע און מיר צו אייך אַלעמען.

אייער,

וואָלף

---

8 מערץ, 1939

מיין ליבער דוד!

אַזוי איז עס, איר וועט שוין מוזן האָבן געדולד און וואַרטן ביז מיר וועלן זיך פערזענלעך זען. די לידער זיינען מיר זייער געפעלן געוואָרן. כ'האָב נעכטן ווידער געקראָגן געלט פון דעם „אַמעריקאַנער" פאַר צוויי זאַכן. מסתמא וועלן זיי גאַנץ קירצלעך געדרוקט ווערן.

ווייטער איז קיין נייעס. וואָס מאַכט איר אַלע? מיט פיל גרוסן צו אַלע.

אייער,

וואָלף

ניו יאָרק, דעם 30סטן מערץ, 1939

מיין ליבער דוד!

ראשית, ווילן מיר גערן וויסן וואָס אײדע מאַכט. שרייבט גליך דערוועגן. איך און פּאולינע זיינען אַנטציקט פון אייערע נייע וואונדער־לעכע לידער. ס'האָט זיך ניט געמאַכט היינטיקע וואָך צו פאָרן אין פּעטערסאָן. איך רעכן אָבער זיכער צו זיין קומענדיקע וואָך. איך וועל אייך לאָזן וויסן דעם טאָג ווען איך קום.

מיט די בעסטע גרוסן פון אַלע צו אַלע

אייער,

וואָלף

ניו יאָרק, דעם 9טן מאַי, 1939

מיין ליבער דוד!

די ערשטע, גוטע בשורה איז געווען דאָס, וואָס אײדע בעסערט זיך. לאָמיר האָפן, אַז זי וועט אין גיכן אינגאַנצן געזונט ווערן. אייער ליד איז באמת שיין! עס איז קענטיק, אַז עפּעס אַ שטאַרק געפיל אָדער אַן איבערלעבונג האָט אייך אָנגערעגט דאָס ליד אָנצושרייבן. מיינע אַ זאַך דאַרף זיין געדרוקט היינטיקע וואָך. דאָס מיינט, דאָנערשטיק קען עס שוין זיין אין פּעטערסאָן צו קריגן. אַמאָל צוליב טעכנישע סיבות קען עס ערשט געדרוקט ווערן אַ וואָך שפּעטער.

אפשר וועל איך דאָנערשטיק אויך קומען אין פּעטערסאָן, זיכער בין איך נישט. מיט גרוסן פון אַלע צו אַלע

אייער,

וואָלף

ניו יאָרק, דעם 15טן יוני, 1939

מיין ליבער דוד: —

איך בין היינט געווען אויף סעקאָנד עווענױ, שוין אין איינוועגס אַריין צו בידערמאַנען, זען די „פעדער". האָב איך געפונען דריי וואונדערלעכע לידער אייערע. זיי האָבן געמאַכט אויף מיר אַ שטאַרקן איינדרוק און איר מעגט זיין שטאָלץ מיט די דאָזיקע דריי לידער! מער וועלן מיר רעדן פערזענלעך. מיט גרוסן און גוטע וואונטשן פון אַלע צו אַלע.

אייער,

וואָלף

ניו יאָרק, דעם 14טן אויגוסט, 1939

ליבער דוד: —

אייער בריוו־ליד צו פאולינען איז באמת אַ שיינער. ער איז מיר זייער געפעלן געוואָרן. פאולינע וועט אייך באַזונדער שרייבן דערוועגן. קומענדיקע וואָך האָף איך צו זיין אין פעטערסאָן וועלן מיר שמועסן. כ'וועל אייך האָבן צו דערציילן עטלעכע זאַכן. שרייבט וואָס איר מאַכט.

מיט גרוסן פון אַלע צו אַלע אייער

וואָלף

ניו יאָרק, 21 אויגוסט, 1940

מיין ליבער דוד: —

איבערגעלייענט אייער ליד און באמת הנאה געהאַט, ס'איז אַ האַרציק־רירענדער אויסגוס. און אויך וויל איך אייך אויסדריקן מיין צופרידנקייט מיט אייער שיין פּאָעטיש בריוול.

קומענדיקע וואָך האָף איך צו זיין אין פּעטערסאָן. גרייט זיך צו קומען אין ניו יאָרק אויף „לייבאָר־דעי".

מיט די בעסטן גרוסן צו אייך.

אייער,

וואָלף

ניו יאָרק, דעם 14טן נאָוועמבער, 1940

ליבער דוד: —

פּאולינע האָט מיר געוויזן אַ קאָפּיע פון עטלעכע שורות, וואָס זי האָט אייך געענטפערט אויף אייערע וואונדערלעכע לידער, וואָס איר האָט צוגעשיקט.

איר ענטפער האָבן מיך איבערראַשט. זי האָט עטלעכע גאָר פיינע שורות.

אין איר באַגייסטערונג האָט זי פאַרגעסן אייך צו זאָגן, אַז אייערע שיינע לידער האָבן באַוואויגן אַזוי שיין זיך אויסצודריקן.

איצט גייען מיר צוריק צום פּראָזאַאישן:

עס רעגנט, רעגנט. די טראָפּנס דריפּן אויף די שויבן, אויף די דעכער, און רירן סטרונעס פון האַרצן אויף ווייטע, זיסע טעג פאַר־גאַנגענע. עס קלאַפּט דער רעגן און דריפּעט און קאַפּעט אין די שויבן, ווי ער וואָלט דערציילן פון שוידערלעכע וועלט־געשעענישן; שווערע שטימונגען. צי וועט די צוקונפט אַמאָל ליכטיק ווערן? צי גאָר פאַר־זינקען אין שוואַרצע תהומ'ען?

איך וועל דינסטיק קומען אין פּעטערסאָן. צי איך וועל אייך אין אָוונט קענען זען ווייס איך נאָך נישט. פּאולינע איז קראַנק.

מיט האַרציקע גרוסן צו אייך, איידען און די קינדער. אייער,

וואָלף

ניו יאָרק, דעם 5טן דעצעמבער, 1940

טייערער דוד און איידע!

ראשית צו דוד'ן: מיט אמתן פאַרגעניגן האָבן מיר, איך און פאולינע געלייענט אייערע שיינע לידער. דאָס האָט ווידער באַוואויגן פאולינען עפּעס אָנצושרייבן. אפשר נישט אַזוי שטאַרק ווי איר לעצט ליד, אָבער נישט שלעכט.

מער וועלן מיר רעדן פּערזענלעך. מיט די האַרציקסטע גרוסן פון אַלע צו אַלע. אייער,

וואָלף

ניו יאָרק, דעם 2טן אויגוסט, 1941

ליבער דוד: —

כ'האָב זיך צוריקגעהאַלטן מיטן שרייבן אייך, ווייל פאולינע, וועמען אייער ליד איז שטאַרק געפעלן געוואָרן האָט געוואָלט אויך צושרייבן אין מיין בריוו אַ פּאָר ווערטער.

באמת, מיט אַ שעה צוריק, זאָגט צו מיר פאולינע, אַז עס איז איר איינגעפאַלן עטלעכע שורות אויפצושרייבן אין פאַרבינדונג מיט אייער קראַנק זיין. זי האָט אָנגעשריבן עטלעכע שורות, וואָס זיינען ווירקלעך גוט.

מיט האַרציקע גרוסן און גוטע וואונטשן צו אייך אַלעמען. אייער,

וואָלף

ניו־יאָרק, דעם 29טן סעפּטעמבער, 1941

טייערער דוד און איידע!

ווי איר זעט האָט פּאולינע שוין אייך געשריבן. זי האָט אייך גוט־מוטיק אַ ביסל געקיבעצט; וואָס דאָס, ווי מיר ווייסן, ווערט געטאָן מיט די בעסטע, וואַרעמסטע געפילן.

אַלזאָ, שבת/ בלי נדר, אַרום עלף אַ זייגער, אינדערפרי וועל איך וואַרטן אויף אייך ביי דער „וואַשינגטאָן בריק".

זייט געזונט און נאָך אַמאָל אַ גוט יאָר פאַר אונדז, פאַר אַלע יידן און פאַר דער גאַנצער מענטשהייט. אייער,

וואָלף

פּעטערסאָן, 25טן פעברואַר, 1942

ליבער דוד: —

כ'בין דאָ אין שטאָט אויף אַ פּאָר שעה. כ'ווייס ניט צי איך וועל אייך קומען זען. כ'שיק אייך דאָ די קורצע רעצענזיע פון דער „יידישער פּאָסט", וואָס איך האָב געשריבן וועגן אייער בוך לידער. כ'האָף אַז עס וועט אייך פאַרשאַפן אַ ביסל פרייד.

מיט די בעסטע גרוסן, אייער

וו. געלבאַרט

אַ בוך לידער און פּאָעמען פון דוד פּעפּער

אַזוי ווי דער לעזער הייבט אָן דאָס ערשטע ליד, פילט ער באַלד אַ וואַרעמקייט און דערפרישונג. דער סטיל און פאָרם זיינען אייגנאַרטיק; ניי און מאָדערן. פיל פון די לידער און פּאָעמען זיינען פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין פאַרשידענע צייטונגען או זשורנאַלן. זיי האָבן געצויגן די אויפמערקזאַמקייט ווי אַ נייע שאַפונג. שריפטשטעלער און דיכטער, האָבן געזען אין די לידער, אַ ביישטייערונג, אַ פּערל אין דער יידישער ליטעראַטור.

עס זינגט דער דיכטער:

„קום, פאַרבינד מיין וואונד,
היל אין דיין וואַרעמקייט מיך איין.
און אַז כ'וועל איינדרימלען
זאָל איך אויף אַ חלום רייטן,
דו אויף מיין שויס זיצן
און מיט דיין שעמעוודיקייט
באַגיסן מיך".

אָדער:

„פשטות מיינע,
דיין פּראָסטקייט קושט
מיינע אויגן
ווי אַ קינד
פון דער מאַמעס ברוסט,
כ'טו דיין גוטסקייט
זויגן".

אַזוי ליד נאָך ליד, אַנטציקט און באַרוישט דעם לייענער.

וו. געלבאַרט

„יידישע פּאָסט", פּעטערסאָן, פעברואַר, 1942

ניו־יאָרק, דעם 8טן מאַי, 1942

טייערער דוד און איידע!

וואָס קענען מיר מער טאָן, ווי אייך שיקן אונדזער טיפסטן מיט־לייד אין אייער גרויסן צער.

אין דעם טאָג פון דעם גרויסן בראָך, ווען איר זייט אין גאַנצן געווען צעבראָכן, איז פשוט געווען אוממעגלעך אייך צוזאָגן אַ טרייסט־וואָרט, ווייל מיר אַליין, פּאָולינע און איך, זיינען געווען צעבראָכן. זיך געשטיקט מיט טרערן און ניט געקענט רעדן צו אייך. אָבער מיר פילן און ווילן רעדן יעצט צו אייך, ספּעציעל צו אייך ליבע, טייערע איידע:

ביי פרומע יידן אין די שווערסטע מינוטן פון צער זאָגט דער פרומער ייד, אַז ער מוז עס נעמען באהבה: מען טאָר ניט גיין קעגן גאָטס ווילן. און מיר זאָגן: מען קען ניט גיין קעגן דער נאַטור.

דער בראָך איז אַוודאי זייער גרויס. אָבער טייערע איידע און דוד! איר מוזט זיך שטאַרקן און איר, ליבע איידע, דאַרפט דאָך ביז הונדערט יאָר זיין די גוטע געטרייע מאַמע צו אַנשעלען און אוירוויינגען. און צו דעם ניי־געבוירענעם, אומשולדיקן שוועלבעלע, וואָס ווייס נאָך גאָרנישט.

זייט געטרייסט און שטאַרקט זיך און מיר ווינטשן און האָפן, אַז איר זאָלט מער ניט ווייסן פון קיין צער.

אייערע **וואָלף** און **פּאָולינע**

ניו־יאָרק, דעם 5טן אָקטאָבער, 1942

טייערער דוד: —

אונדזער טיפסטן דאַנק פאַר דער טייערער מתנה. זאָל אייער בוך לידער, וואָס איז זיכער פון גרויסן ווערט, דערלעבן אַ סך נחת מיט אייך און אייער פאַמיליע צוזאַמען.

אין דער היינטיקער „פרייע אַרבעטער שטימע" איז דערמאָנט אייער בוך, ליבער דוד, פרייט עס מיך זייער.

איך וועל אייך זען דינסטיק אָוונט ביי אייך אין הויז. זייט מיר האַרציק געגריסט מיט אײדען און קינדער. אייער,

וואָלף

ניו־יאָרק, דעם 11טן נאָוועמבער, 1942

מיין ליבער דוד: —

עפּעס ווילט זיך אייך שרייבן און איך וויל אייך און מוז אייך איבערגעבן, אַז פאַר איין מינוט האָט מיך נאָך ניט אָפּגעלאָזן אייער טראַגישער און טיפער אויסדרוק: „מיין בוך קומט אַזוי עלנט אויף דער וועלט". ס'האָט אַ שטאַרקן איינדרוק אויף מיר געמאַכט.

טייערער דוד: איך און פאַולינע האָפן, אַז עס וועלן זיך אָפּרופן אייניקע קריטיקער, וואָס וועלן דערטאַפּן און דערפילן די נייקייט פון אייערע לידער. יאָ, וועגן מיין שמחה; וועט זי געפייערט ווערן ווי פאַר מיר און ווי פאַר ראַביי אָדער דאָקטאָר מאַקס רייזין, צו דער דער־שיינונג פון זיין לעצטן העברעאישן בוך. ער איז איינגעגאַנגען מיט פאַרגעניגן, אַז די שמחה זאָל זיין פאַר אונדזביידן.

זייט האַרציק געגריסט — איר, אײדע און די קינדער. אייער,

וואָלף

ניו־יאָרק, דעם 26טן דעצעמבער, 1942

ליבער דוד:—

כ׳האָב זיך היינט אַראָפּגעכאַפּט אין איסט בראָדוויי איידער איך פאָר אַוועק. איז מיר אַנטקעגן געקומען דער חשובער פּובליציסט און דערציילער ש. ערדבערג מיט באַגייסטערונג פאַר מיין בוך. ער האָט ניט געהאַט מיין אַדרעס, אַז ניט וואָלט ער מיר גלייך געשריבן. ער האָט גענומען מיין אַדרעס און וועט מיר שרייבן. אים זיינעןביידע טיילן שטאַרק געפעלן געוואָרן. דעם דיכטער ראובן אייזלאַנדן איז דער צווייטער טייל בעסער געפעלן געוואָרן. אָבער ביידע באַדויערן די גרייזן וואָס זיינען אַריינגעפאַלן אין בוך. דערנאָך בין איך אַריין טרינקן אַ קאַווע, האָט מיך אָנגעטראָפן אהרן קאַרלין. קאַרלין האַלט שטאַרק פון דעם ערשטן טייל. ער זאָגט, אַז דער צווייטער טייל איז שיין געשריבן, אָבער דער ערשטער, ווען איך שטעל זיך אַ ביסל מער אָפּ, וואָלט עס געווען אַן עפּאָכע-מאַכנדיק ווערק. ער האָט מיר דערציילט אַז ער האָט געזאָגט צו זיינעם אַ פריינט, אַז ווען ער האָט געלט וואָלט ער אויף זיינע קאָסטן געלאָזן איבערדרוקן דעם בוך ס׳זאָלן קיין גרייזן ניט זיין. ער מיינט עס זייער ערנסט, ווייל ער האַלט אַז איך האָב געשאַפן אַן אָריגינעל, גרויס ווערק. דאָס איז זיין מיינונג. אַלזאָ ס׳קאָכט זיך צווישן שרייבער.

זייט געזונט און גריסט אַלע.

אייער,

וואָלף

---

13 יוני, 1943

מיין ליבער דוד:—

איך האָב היינט געזען מיין ברודער מיכל. ער האָט מיר געזאָגט, אַז דער דיכטער און דערציילער יצחק בלום האָט אים געגעבן אַ נומער פון זיין נייער אויסגאַבע „פאָלקס שריפט" איז דאָרט פאַראַן אַ קריטיק פון בלומען וועגן אייער בוך לידער. ער שיקט אייך אַרויס אַ נומער.

מיט גרוסן פון אַלע צו אַלע.　　　אייער,

וואָלף

בריוו פון פּאולינע געלבאַרט

ניו־יאָרק, דעם 20סטן אויגוסט, 1937

ליבער דוד: —

איר שרייבט, אַז עס בענקט זיך אייך אַזוי שטאַרק. עס וואונדערט מיך, וואָס איר קענט נישט שטילן אייער בענקשאַפט אין אַזאַ שיינעם געגנט צווישן אינטערעסאַנטע מענטשן.

שרייבט גלייך אַ פּאָר ווערטער. מיר וועלן זיין דאָ נאָך אַ וואָך.

מיט האַרציקע גרוסן, אייער,

פּאולינע געלבאַרט

ניו־יאָרק, דעם 4טן מערץ, 1938

ליבער דוד: —

וואָס מאַכט איר? און וואָס מאַכט דאָס גאַנצע בני־בית? ביי אונדז איז אַלץ ווי געווען.

אייער ליד „שמעטערלינג", איז זייער אַ שיין ליד.

איך וואָלט געוואָלט איר זאָלט זיך אַמאָל אַריבערכאַפּן אין ניו־יאָרק אויף אַ שבת און זונטיק. איר וועט נישט בלאָנדזשען, איך און וואָלף, וועלן אויף אייך וואַרטן ביי דער באַן.

זייט געזונט און האַרציק געגריסט, פון אונדז אַלע צו אייך אַלע.

אייער,

פּאולינע געלבאַרט

ניו־יאָרק, דעם 15 דעצעמבער, 1938

ליבער דוד:—

ווי וואָלט געווען ווען איר איבערראַשט אונדז אין אייערס אַ בריוול, אַז איר וועט זיך אַריבערכאַפּן צו אונדז אַ ביסל?

דאָס ליד „ביים וואָרט מאַמע” איז מיר זייער געפעלן — ווייל אין עטלעכע שורות האָט איר אַרויסגעבּרענגט דעם איידעלן ציטער, וואָס דאָס וואָרט מאַמע מיינט...

וואָס מאַכט איר עפּעס? איידע און די קינדער וואָס מאַכן?

מיט די האַרציקסטע גרוסן צו אַלע, אייער,

פּאולינע געלבאַרט

ניו־יאָרק, דעם 21סטן דעצעמבער, 1938

ליבער דוד:—

איך בין ווירקלעך באַגייסטערט פון אייער ליד. מיט אַזעלכע לידער וועט איר זיכער פאַרנעמען אַן אָרט אין אונדזער ליטעראַטור.

מיט ליבע און האַרציקע גרוסן, אייער,

פּאולינע געלבאַרט

ניו־יאָרק, דעם 31סטן יאַנואַר, 1939

טייערער דוד און איידע!

וואָס מאַכט איר? און די קינדער וואָס מאַכן? שוין לאַנג נישט געזען אייך. שרייבט, ליבער דוד, האַרציקע לידער און מיר וועלן זיך ווידער קוויקן מיט זיי.

וועגן וואָלפס אַרבעט, וואָס איך האָב גערעדט מיט אייך, מיט אַזויפיל באַגייסטערונג — גייט דערווייל זייער גוט. איך האָף, אַז ס׳וועט אַרויסקומען אַ פיין בוך.

זייט געזונט, מיט גרוסן פאַר אַלעמען.

אייער,

פאולינע געלבאַרט

ניו־יאָרק, דעם 8טן מערץ, 1939

טייערער דוד און איידע!

אַז מיר זעען זיך נישט, לאָמיר כאָטש שרייבן אַ פאָר ווערטער.

די לידער אייערע זיינען וואונדערלעכע! ווי כ׳זע האָט איר ווידער גענומען שרייבן. די מוזע, קושט אייך און שטאַרקט אייך צו נייע שאַפונגען.

מיט די האַרציקסטע גרוסן,

אייער,

פאולינע געלבאַרט

ניו־יאָרק, דעם 14טן מערץ, 1940

טייערער דוד: —

ווי אַ זון האָט דאָס בריוול אייערס אין מיר אויפגעשיינט, און באַלד זיך פאַרטונקלט. נאָר דער גוטער איינדרוק איז געבליבן אין מיר און ווי אַ כשוף גערופן מיך צום אָפּקלאַנג אייערן.

וואָס מאַכט איר, דוד? און ס׳גאַנצע הויזגעזינד? עס וואָלט זיך געוואָלט אַ ביסל פאַרברענגען אַ האַרציקע שעה, געמיטלעך.

מיט האַרציקע גרוסן און קושן צו אייך אַלע.

אייער,

פאולינע געלבאַרט

ניו־יאָרק, דעם 22טן מערץ, 1940

טייערער דוד: —

די גוטע טרייסט־ווערטער אייערע האָבן אין מיין האַרץ פּלאַץ געפונען און מיך דערוואַרעמט ווי זונען־שטראַלן. ווי כ׳זע האָט די מוזע אייך באַוועלטיקט און מיט איר קראַפט אייך געצווינגען צו באַרייכערן אונדזער פּאָעזיע.

וואָס מאַכט איר, ליבער דוד? און איידע מיט די קינדער וואָס מאַכן? זייט אַלע האַרציק געגריסט און געקושט.

אייער,

פאולינע געלבאַרט

ניו־יאָרק, דעם 21טן אויגוסט, 1940

טייערער דוד און איידע!

אייער האַרציק נשמהדיק ברייוול, האָט מיר אויפסניי געוויזן ווי נאָטירלעך די אויסדריקן זיינען ביי אייך. איך בין ווירקלעך געריהרט דערפון. אויף אייערע וואונדערלעכע לידער, וועל איך אינגיכן ענטפערן. דערוויל זייט מיר געזונט און האַרציק געגריסט.

אייער,

פאולינע געלבאַרט

ניו־יאָרק, דעם 17טן אָקטאָבער, 1941

מיין ליבער דוד: —

אייער ריטער־ליד, וואָס איז טיף, זייער פּאָעטיש און פאַנטאַסטיש, באַגייסטערט מיך. און פון אייער שיין בענקשאַפט־ליד „די בלום" — פאַרגייט דער ריח ניט. די קאָלירן אירע ציטערן אין מיין געמיט.

וואָס מאַכט איר ליבער דוד? און די טייערע איידע מיט די קינדער וואָס מאַכן? זייט מיר אַלע געגריסט און געקושט.

אייער,

פאולינע געלבאַרט

ניו־יאָרק, דעם 29טן סעפּטעמבער, 1941

טייערע אײדע:

איך בעט אײך זײער, לאָזט אײער דודן ווידער אַביסל צו אונדז קומען אויף אַ באַזוך אויף עטלעכע טעג. ער וועט ביי אונדז ווערן גאַנץ גוט באַהאַנדלט. מיר וועלן אים היטן ווי אַן אויג אין קאָפּ מיר וואָלטן געוועזן גראָד אַזוי צופרידן ווען איר וואָלט געקאָנט מיטקומען.

ליבער דוד! מיר האָפן, אַז איר גרייט זיך שוין אין וועג אַרײַן.

מיר דערוואַרטן אײַך מיט אומגעדולד און מיר האָפן, אַז איר וועט קומען. מיט האַרציקע גרוסן און גוטע ווינטשן פאַר אײך און אײער גאַנצער פאַמיליע צום נײַעם יאָר!

אײער,

פּאולינע געלבאַרט

ניו־יאָרק, דעם 24טן פעברואַר, 1942

טײערע אײדע און דוד:

אַ זײער שיין בריוול דערהאַלטן פון אײך. מיט אַ פרייד האָב איך אויפגענומען די גוטע נאַכריכט דאָס עס ווערט געגרייט אַ יום־טוב פאַר אײך, לכבוד אײער בוך לידער.

איך און וואָלף וועלן זיכער קומען און מיטפרייען זיך מיט אײער פרייד. איך האָף, אַז מיר וועלן זיין געזונט און זיך איינגיכן זען.

מיט האַרציקע גרוסן צו אײך אַלע. אײער,

פּאולינע געלבאַרט

ניו יאָרק, דעם 5טן אָקטאָבער, 1942

טייערער דוד: —

מיין האַרציקן דאַנק פאַר אייער שיינער מתנה. באַזונדערס פאַר דער שיינער אויפשריפט צו וואָלפן און צו מיר. כ'האָף אַז אייער בוך לידער וועט אייך פיל גליק און נחת פאַרשאַפן.

מיין האַרציקן גרוס צו אייך און אײדען.

אייער,

פאולינע געלבאַרט

ניו־יאָרק, דעם 24טן דעצעמבער, 1945

מיין ליבער דוד: —

היינט, שבת, האָב איך אייער ליבן בריוו דערהאַלטן. עס וואונדערט מיך זייער, וואָס מיין בריוו איז נישט אָנגעקומען צו אייך. איך האָב דאָך אייך געענטפערט. וואָס טוט זיך דאָ? וואָס איז די אורזאַך, וואָס איר וועט נישט קאָנען קומען? וואָס מאַכט איר? און ווי פילט איר? שרייבט מיר. איך האָב זייער פיל פאַרגעניגן צו לעזן אייערע בריוו. זיי זאָגן פיל, עס זיינען לידער־בריוו. שרייבט ווידער ליבער דוד.

זייט געזונט און האַרציק געגריסט.

אייער,

פאולינע געלבאַרט

ניו־יאָרק, דעם 16טן יאַנואַר, 1946

טייערער דוד: —

אין אייערע לידער־בריוו זע איך אייער צעווייטיקט האַרץ און אייער צעריסענע נשמה, און איך ווער טיף גערירט. אייער רירנד ליד איז אַ טריבער אויסגוס פון וועמען די זון איז אַוועק און וועט, לאָמיר האָפן, ווידער שיינען פאַר אייך!

זייט געזונט. אייער,

פאולינע געלבאַרט

ניו־יאָרק, דעם 7טן פעברואַר, 1946

טייערער דוד: —

איך וויל גאָרנישט מער שרייבן, נאָר איך וויל אייך זאָגן, קומט! איך דערוואַרט אייך שבת. איך קאָן נישט וואַרטן ביז איך וועל אייך זען, בכדי אייך זאָגן ווי וואונדערלעך דער אויסגוס פון אייערע געפילן זיינען אין דעם ליד, „ווען דו האָסט זיך באַוויזן" — ווי האַרציק איר זינגט:

„ווען דו האָסט זיך באַוויזן
מיטן פנים ווי אַ קינד, —
האָט שעה נאָך שעה
אַ ווייסע רו
געטריפט,
ווי אַ מילך־טראָפּ
פון אַ מאַמעס ברוסט."

און אין אַן אַנדער ליד:

„כ'וועל מיין בענקשאַפט
אין אַ גאָלדן קעסטעלע פאַרשליסן
און עס לאָזן אויפן ים,
אַז ס'זאָל שווימען, שווימען,
ביז דו וועסט עס דערזען
און עפענען.
און אַן אויסשטראַלונג פון מיין האַרץ,
וועט באַליכטן דיך."

כ'בין באַצויבערט פון אייער געזאַנג, וואָס קלינגט אַזוי עכט און ערלעך און העכסט מאָדערן. דאָס איבעריקע וועלן מיר ריידן ווען מיר וועלן זיך זען.

זייט געזונט און האַרציק געגריסט.

אייער,

פאולינע געלבאַרט

ניו־יאָרק, דעם 25טן מערץ, 1946

מיין ליבער דוד: —

ווידער זיך געקוויקט מיט אייערע וואונדערלעכע לידער: איך האָב דערפילט אין אייער אייגנאַרטיקן געזאַנג, דעם ווייטיק און דעם טרויער־קלאַנג, וואָס טראָגט זיך אין דער גרויסער, ווייטער וועלט פון אייער איינזאַם געצעלט. וואָס מאַכט איר דוד?

זייט מיר האַרציק געגריסט.

אייער,

פאולינע געלבאַרט

ניו־יאָרק, דעם 28טן מאַי, 1946

טייערער דוד: —

וואָס מאַכט איר? ווי געפעלן אייך מיינע לידער? איך האָב מיר נישט פאָרגעשטעלט פון אייך אַזאַ קורץ בריוול צו דערהאַלטן. איך בין געווען זיכער, אַז איר קומט שבת, ווען איך האָב אייך דערוואַרטעט. איר שרייבט, אַז איר קאָנט נישט קומען און שרייבט נישט פאַרוואָס.

פאַרגעסן צו דערמאָנען וואָס פאַר אַ שיין ליד־בריוו איר האָט מיר געשריבן דעם פאַריקן מאָל: זייט מיר געגריסט און געזונט.

אייער,

פאולינע געלבאַרט

אויסצוג פון אַ רעפעראַט
פון איזי געלער

(געהאַלטן ביים אָוונט לכבוד דעם דיכטער דוד פעפער, זונטיק, 15טער מערץ, 1942, וואָס דער ברענטש 5, א.א.א. האָט אַראַנזשירט אין 89 קאַראַל גאַס.)

דוד פעפערס פּאָעזיע, איז פון הויכן קוואַליטעט. די נאַטור־לידער, זיינען אַזוי בילדלעך, ווי די נאַטור אַליין וואָלט זיך אַוועקגעשטעלט פאַר די אויגן. מען דאַרף זיי לערנען מיט די קינדער אין די שולן.

צוויי בריוו פון א. דונקל

ניו יאָרק, 18 מערץ, 1927

מיין ליבער דוד פעפער!

נישטאָ קיין ווערטער אויסצודריקן מיין באַגייסטערונג פאַר אייע־רע שאַפונגען. אַזוי עכט, אַזוי אייגנאַרטיק. נאָר אַ גרויסער דיכטער קאָן אַזוי זינגען:

„וויל איך דעם טאָג,
ווי אַ ווייסן פאָדעם שפּינען,
פאַלן זיינע שעה'ן,
ווי פייערדיקע בייטשן אויף מיר.
וויל איך די נאַכט,
ווי אַ שוואַרצע שנור איבעררייסן —
דעקט איר טוך,
ווי אַ טויטן־דעק מיך צו".
מענטש און נאַטור — אַ קינסטלעריש געוועב
און באַהאַפטן מיט דער אייביקייט.

אין אַ ווייטערדיק ליד:

„ווינקלען ליכטיקע,
ווינקלען טונקעלע —
ווינקלען אומעטום;
און אַ יעדעס ווינקל ציט,
יעדעס ווינקל — זאָגט מיר צו:
רו — אין דעם וויסטן לעבן.
תפילות אין די ווינקלען,
טרערן אין די תפילות,
טרויער אין די טרערן,
ס'האַרץ מיינס אין דעם טרויער.
האַלט איך זיך אין ווינקלען.
מיין וועלט איז פול מיט ווינקלען"...

וואָס מאַכט איר ליבער דוד? און אייער פאַמיליע וואָס מאַכט? צו אייער ליד, „טריט בא טריט", האָב איך געשאַפן מוזיק. אין גיכן האָף איך צו זיין ביי אייך און האָבן אַ גוטע שעה אין מיין לעבן.

מיט די האַרציקסטע גרוסן צו אַלע.

אייער

אַ. דונקל

ניו־יאָרק, דעם 20סטן אַפּריל, 1927

מיין ליבער דוד פּעפּער!

אייער בריוו דערהאַלטן און איך דאַנק אייך זייער פאַר אייער שרייבן. כאָטש קורץ ווי שטענדיק, נאָר וואָס זאָגט אַ סך און זייער אינטערעסאַנט. עס פרייט מיך זייער, וואָס מיין געדיכט געפעלט אייך.

אייער ליד „כ׳האָב טאַנצן געזען" פאַרעפנטלעכט אין דוד איגנאַטאָוס „שריפטן" — האָט מיך באַגייסטערט. אַ וואונדערלעך־הערלעכע וויזיע, וואָס שוועבט תמיד פאַר מיינע אויגן, אַ טויטן־טאַנק, וואָס וועט אַריינטאַנצן אין דער אייביקייט. כ׳קאָן זיך נישט אָפּהאַלטן און מוז עס ציטירן:

„כ׳האָב טאַנצן געזען,
טאַנצן אין ווייסע קיטלען
מיט הוילע פיס.
געקלאַפּט האָבן פויקן, טאַצן,
געקלאַפּט און געקלאַפּט.
און ווען דאָס קלאַפּן
און טאַנצן
האָט אויפגעהערט,
האָבן זיך געבויגענע קעפּ,
אין ווייסע קיטלען
מיט הוילע פיס
געטראָגן איבער דער וועלט".

וואָס מאַכט איר ליבער דוד? און אייער פאַמיליע וואָס מאַכט? כ׳האָף איינגיכן צו זיין ביי אייך און אָנען אייער באַשיידנקייט — שיין ווי די בערג, וואָס קוקן ווי פאַרחלומט אין אייערע פענצטער.

זייט מיר געזונט און האַרציק געגריסט מיט אייער טייערע, גוטע איידע און אַלע קינדער.

אייער,

א. דונקל

בריוו פון יאַנקל וויינבערג

נוואַרק, נ. דזש., דעם 5טן פעברואַר, 1942

טייערער דוד: —

ענדלעך נאָך אַ לאַנגען וואַרטן האָב איך דיין בוך באַקומען. נעם צו מיין האַרציקן דאַנק, פאַר דער מתנה פון דיין בוך מיט די עטלעכע צוגעשריבענע ווערטער.

דעם זעלבן אָוונט ווען איך האָב דיין בוך דערהאַלטן האָב איך די טעגלעכע צייטונג נישט געלייענט. איך בין אַריינגעקומען אין אַנדערע וועלטן לייענענדיק דיין בוך. ווי אַ מענטש האָב איך זיך געפילט קליין און נישטיק און הילפלאָז אַריינקוקנדיק אין דיינע ספערן פון געדאַנקען און שטימונגען. עס זיינען געווען מאָמענטן ווען איך האָב זיך געפילט צעבראָכן, ווי אַן איינזאַמער אין צעברויזטן שטורעם.

דיינע לידער האָבן ביי מיר אַרויסגערופן אַ סך פראַגן און צווייפלען.

דער סטיל און די טעמאַטיק זיינען אָריגינעל. איך מוז דיר אָבער זאָגן, טייערער דוד, אַז פאַר די לעצטע 20 יאָר בין איך אָפּגעוואוינט געוואָרן פון דער ליטעראַטור. מיט דעם אויפקום פון סאָוועטן-פאַרבאַנד בין איך אַריינגעצויגן געוואָרן אין רעאַלן לעבן.

איך וואָלט געווען זייער צופרידן ווען איך זאָל קריגן די געלעגנהייט עטלעכע פון דיינע זאַכן פאַרצולייענען. ווי איך האָב זיך דערוואוסט האָט חבר איזי געלער, דער פאָרזיצער פון דער עקזעקוטיווע פון ברענטש 5, א.א.א. גערעדט וועגן דיר און דיין בוך ביים אָלגין מעמאָריאַל מיטינג. פרייט עס מיך זייער. אַ סך דערפאָלג!

דיין יוגנט-חבר,

יאַנקל וויינבערג

נואַרק, דעם 16 פעברואַר, 1942

טייערער דוד: —

דיין האַרציק בריוול דערהאַלטן. אויך דערהאַלטן אַן איינלאַדונגס־בריוו צו דיין יום־טוב לכבוד דער דערשיינונג פון דיין בוך, פון סעקרעטאַר חבר מילער פון ברענטש 5, א.א.א.

ער האָט מיר געשריבן, אַז דער ליטעראַרישער אָוונט וועט פאַר־קומען זונטיק, דעם 15טן מערץ. איך האָב אים געענטפערט, אַז ס'איז פאַר מיר אַ שטאָלץ און אַ כבוד אָנטייל צו נעמען אין אַזאַ יום־טוב.

אַ האַרציקן גרוס דיר און פאַר דיין פאַמיליע. דיין חבר,

יאַנקל וויינבערג

נואַרק, דעם 9טן מאַי, 1942

טייערע איידע און דוד:

געהערט די שרעקלעכע נייעס, וואָס האָט אייך געטראָפן, אויך אייער פאַמיליע און אַלע אייערע חברים. און ווי איך פיל האָט דאָס אויך געטראָפן די גאַנצע יידישע באַפעלקערונג פון דער שטאָט, ווי אַ דונער וואָלט צעטרייסלט די גאַנצע וועלט. ווער האָט זיך געזאָלט ריכטן אויף אַזאַ אומגליק, אַזאַ קאַטאַסטראָפע? נישטאָ קיין ווערטער, וואָס זאָלן קענען אויסדריקן דעם צאָרן־געפיל קעגן דער ברוטאַלער נאַטור, וואָס האָט אייך אַזוי גרויזאַם באַהאַנדלט.

מיינע ליבע און טייערע! עס איז מיר שווער איצט מער צו שרייבן איך ווייס, אַז אַזאַ וווּנד קאָן מען מיט קיין טרייסט־ווערטער נישט איינשטילן, דער ריס איז צו פריש און דער בראָך — צו גרויס.

זאָל דאָס בריוול בלויז זיין, מיינער און מיין פרוי שרה'ס, אַ געפילס־אויסדרוק צו אייערע און צו אונדזער אלעמענס ליידן.

אייערע,

שרה און יאַנקל וויינבערג

אַ בריוו פון ז. ווײַנפּער

ניו־יאָרק, דעם 2טן מאַי, 1926

מײַן ליבער דוד פּעפּער!

מיך פאַרדריסט באמת, וואָס אַ גרײַז איז אַרײַנגעפאַלן אין אײַער ליד. איך וועל זען מער אַכטונג צו געבן, אַז אַזעלכעס זאָל זיך נישט טרעפן. איצט אַ פּאָר ווערטער צו אײַך, וועלכע זײַנען אויך גלײַכצײַטיק צו ש. ד. זינגערן:

מיט דער „פּעדער" וועט אײַנגיכן געשען אַ שטיקל געשעעניש. איך וועל אפשר איבערבײַטן דעם נאָמען. דאָס איז דערפאַר, ווײַל די טראַדיציאָנעלע פּעדעריסטן דערגײען מיר די יאָרן. איך גיב זײ נישט אָפּ געגנוג פּלאַץ — טענה׳ן זײ, און איך שרײַב נישט וועגן זײ קײן אָפּהאַנדלונגען.

איז די מעשה אַזאַ: איבערגענומען האָב איך בײַ זײ מיט צוויי און האַלב יאָר צוריק דעם נאָמען: „די פּעדער". וועל איך זײ דעם נאָמען געבן צוריק און דער זשורנאַל וועט, למזל, קריגן אַ נײַעם נאָמען. דערמיט וועלן אויפהערן אַלע טענות. עטלעכע פון די מיטאַרבעטער בלײַבן מיט מיר און נײַע האָבן זיך אַרום מיר גרופּירט און איך האָף, אַז עס וועט זײַן אַ סך בעסער.

דעם נאָמען האָב איך נאָכנישט באַשטימט. אין קומענדיקן נומער וועט זײַן אַ דערקלערונג וועגן דעם. אויב איר האָט פרישע, נאָר וואָס אָנגעשריבענע לידער, זײַנען זײ ווילקאָמען!

אַ סך זומערדיקע גרוסן. אײַער,

ז. ווײַנפּער

בריוו פון ש. ד. זינגער

איר׳, פּאַ., דעם 12טן דעצעמבער, 1930

טייערער דוד :—

זיי ניט בייז, וואָס איך האָב דיר ניט געשריבן ביז איצט. געווען פאַרנומען די ערשטע פּאָר וואָכן. וואָס־זשע מאַכסטו עפּעס? ווי פילסטו? אַרבעטסט? און וואָס מאַכט דיין בני־בית?

שרייבסטו עפּעס? ווי דו ווייסט שוין, מסתמא, האָב איך אַן אַר־טיקל וועגן א. ראַבאַי׳ן אין היינטיקן נומער „צוקונפט" — ס׳איז מיין ערשטע, גרעסערע זאַך אין פאַרגלייך מיט מיינע פריערדיקע אַרטיקלען וועגן שרייבער. און איך בין צופרידן, וואָס עס איז אַרויס אַן דרוק־פעלערן.

ביי מיר איז אַלדאָס־גוטס. „מאַך אַ לעבן", ווי מ׳זאָגט דאָ־הי. כ׳האָב אַ ביסל פרייע צייט. כ׳וועל זיך אפשר קענען איצטער קאָנ־צענטרירן אויף עפּעס גרעסערעס אין פאַרנעם. האָב איצטער ליגן איין אַרטיקל צום דרוק, דאָס איז, וועגן לעאָ קעניג. ער איז איצט, אגב, צוגאַסט אין אַמעריקע.

גיב שלאָמאָוויטשן און געלבאַרטן איבער מיין גרוס... פאַרוואָס שרייבט מיר שלאָמאָוויטש ניט?

די יאָרן וואָס מיר האָבן אין פּעטערסאָן זיך געהאַלטן נאָענט, שטייענדיק צוזאַמען ביי אַ זשורנאַל, זיך היצנדיק איבער פאַרשידענע ליטעראַרישע ענינים, ווייטיקן איבערן וואָרט — און זיך אַמפּערן ווי איבער טייערע שטיינער — אַט דאָס וועל איך שטענדיק געדענקען. ס׳וועט בלייבן ווי עפּעס לויכטנדיקס אויפן ווייטערדיקן וועג...

וואָס הערט מען יעצט אין פּעטערסאָן? כ׳האָב נאָר וואָס גערעדט מיט מיינע עלטערן אויפן טעלעפאָן. אַ ביסל אומעטיק. מען איז פאַרט אין דער פרעמד, נעבן אַ קאַלטן, פרעמדן טייך; עס בלאָזן אין די נעכט ווינטן פון יענער זייט, פון קאַנאַדע. אירי גרעניצט זיך טאַקע מיט קאַנאַדע דורכן טייך. אַ פיינע, שטילע, זויבערע שטאָט. איך לייען דאָ

אַ סך. כ׳קען זיך דאָ קאָנצענטרירן אויף עפּעס. הער לעקציעס אין אַ ברענטש פון „פּיטסבורג אוניווערזיטעט״.

נו דוד, זיי מיר געזונט, און גרוס מיר מיינע אַלע באַקאַנטע, חברים. אַ האַרציקן גרוס דיין בני־בית. מיין פרוי גריסט דיך, דיין,

ש. ד. זינגער

פּ. ס. האָסטו אפשר י. י. סיגאַל׳ס אַדרעס פון מאָנטרעאָל? זיי אַזוי גוט און שיק זי מיר צו.

אירי, פּאַ., דעם 10טן מאַי, 1932

מיין ליבער דוד: —

אַ פּאָר ווערטער צו דיר. דאָס ניט שרייבן דיר אַ לאַנגע צייט מיינט ניט, אַז איך האָב דיך פאַרגעסן. ניין. איך האָב דיר געשריבן ווי צו אַלעמען. געשריבן דיר ביים אַהערקומען צוריק פון פּעטערסאָן, און איצט ווען איך האַלט שוין ביים אָפּפאָרן פון דאַנען שרייב איך דיר ווידער.

ניט איך בעט דיך מיר צו ענטפערן. אויב דו האָסט נישט אַליין דעם פאַרלאַנג נוצט ניט דאָס דערמאָנען.

איך האָב זיך אָנגעפרעגט אויף דיר די גאַנצע צייט, באַקומען גרוסן. ווי פילסטו? וואָס מאַכסטו? דיין הויזגעזינד? שרייבסט עפּעס? זעסטו אַמאָל מיינע אַרטיקלען אין „שיקאַגאָ״?

נאָך אַלעמען, דוד, האָבן מיר דאָך צוזאַמען אַמאָל עפּעס געטאָן אַן אַרבעט, אַרויסגעגעבן אַ זשורנאַל „זעגלען״. איך ווייס, וועגן האָבן זיך צעשיידט. אָבער אין מיר לעבן נאָך יענע יונגע טעג, טעג פון גלויבן אין די אייגענע כוחות!

שרייב אַ בריוול, וועל דיר ענטפערן. דיין חבר וואָס וויל הערן פון דיר אַלדאָסגוטס.

ש. ד. זינגער

גרוס האַרציק דיין בני־בית און אַלע חברים.

פעטערסאָן, דעם 15טן יולי, 1942

מיין ליבער דוד פעפער!

געוואָלט דיך גערן זען, שמועסן אַ ביסל, קום צו, וועלן מיר צו־זאַמען אַרויסגיין אין קאַפעי פאַרברענגען, ווי אין די אַמאָליקע יאָרן... אגב, דיין בוך לידער האָב איך ניט באַקומען. מסתמא, האָסטו ניט געשיקט. איך וויל עס לייענען און אפשר שרייבן וועגן דיינע אייגנ־אַרטיקע לידער. הקיצור, איך וועל זיין אין הויז און וואַרטן אויף דיר.

זיי מיר האַרציק געגריסט. דיין,

ש. ד. זינגער

פילאַדעלפיע, דעם 13טן מערץ, 1943

מיין ליבער דוד פעפער!

איך האָב געפינען אין מיין שופלאָד צווישן אַלטע בריוו און מאַנוסקריפטן אַן אַרטיקל וואָס איך האָב געזאָלט פאַרעפנטלעכן אין דעם 5טן נומער „זעגלען", וואָס איז לײדער שוין נישט אַרויסגע־גאַנגען .. אַזוי ווי ביי מיר ווערן פאַרלוירן אָפטמאָל זאַכן, צוליב מיינע „מופּענישן" פון איין שטאָט אין דער אַנדערער, שיק איך דיר אַ קאָפּיע פון דעם אַרטיקל, אפשר וועל איך אים ערגיץ, ביי אַ געלעגנ־הייט אָפּדרוקן.

וואָס מאַכסטו? וואָס טוען יידן דאָרט אין פעטערסאָן? וואָס טוט משה פריד? זעסט אים אַמאָל? שיק אים מיין האַרציקן גרוס. אַ שאָד זיין אַנטשוויגן ווערן...

מיט אמת חברישע גרוסן,

ש. ד. זינגער

אָט איז דער אַרטיקל, געשריבן אין זומער, 1926.

דוד פּעפּערס לידער

„מײנע מינוטן שװעבן אױף פּוסטע „פליגלען״... אַזױ זינגט װעגן זיך דער דיכטער דוד פּעפּער. פּעפּער באַװײזט טאַקע צו דער־הױבן גאַרנישט זאָגנדיקע װערטער, — װאָס עס קען זיך דוכטן, אַז זײ זײנען גאָרנישט מײנענדיקע, — אױף פליגלען! עס װערן פאַרטיפט בײ אים קעגנשטאַנדן דורך אַן אײגנאַרטיקער שפּראַך. פּעפּער בינדט צונױף װערטער װאָס זײנען, פון אױבנאױף, — אומקלאָר. זײ האָבן אָבער דעם כח צו דערװעקן אין אונדז אַ מין חידושימדיקע געשפּאַנט־קײט און בײגיר זײ צו דערלײענען ביזן סוף. און נאָכן איבערלײענען פּעפּערס אַ ליד װערט קלאָר דאָס אומקלאָרסטע. מ׳װערט דורכגענומען מיט זײן צער און מיט זײן זעאונג. די בילדער אין פּעפּערס לידער שטעלן צונױף די װעלט אין װעלכער דער דיכטער לעבט. עס פאַר־מירן און שײלן זיך אױס די דלד־אמותן, די פּאָר אײלן שפּאַן אױף װעלכע דער מענטש, דער בן־אדם, געפינט זיך, סײ דאָ, בעתן לעבן, סײ שפּעטער אין דער אײביקײט.

פאַראַן אַ שטומקײט אין פּעפּער׳ס ליד װאָס דערצײלט אַ סך. דער־צײלט פון צער אױף טעג װאָס פאַרגײען אין לײדיקײט. דוד פּעפּער׳ס אײגנאַרטיקײט ליגט נישט אַזױ אין די מאָטיװן, — דאָס אױך, — װי אין דער פאָרם, דאָס װאָס ער טוט, און דער אופן װי ער צעשטעלט זײנע פּשוטע װערטער:

שלעפּן זיך מאָרגנס,
װי זקנים קראַנקע.
און טעג װי טאָרבעס לײדיקע
באָמבלען אױפן רױט בלוטיקן
שפּיץ זײערן״.

עס זײנען די ערשטע טריט פון אַ דיכטער װאָס פילט די טרױערי־קײט פון אונדזער זײן, און װאָס געפינט אַ טרײסט אין דעם װאָס ער מאָלט זיך אױס אין דמיון. ער זעט זעאונגען, מאָדנע, נישט רעאַלע. דאָס זײנען װיזיעס פון אַ זעל װאָס לײדט און בענקט.

מ׳האָט דעם איינדרוק, בעתן לייענען פעפערס לידער, ווי עמיצער, אַ פאַרהוילענער, שטייט הינטער אים און פאַרלעשט דאָס ליכט. ווערט פינצטער דאָס געמיט. פאַרביי אים שליכן זיך דאַן: „טאַנצנדיקע ווייסע קיטלען מיט הוילע פיס". און עס שפרייטן זיך, „נאַכט־לויות אויף שוואַרצע וועגן". און אַ „קרעץ־שד" טראָגט זיך איבער אַלע. עס הערט דער דיכטער ווי „עס צימבלען גייסטער־קאַפעליעס" פון דער טונקלניש אַרויס.

ליריש, עכט, און קלאָר, אין אַן אָפּקלייב פון ווערטער, לייענט זיך דאָס דאָזיקע ליד:

„כ׳בין דאָ געווען,
כ׳בין דאָ געווען,
און דער טאָג מיינער האָט געציטערט
ווי אַ קליין איבערגעשראָקן קינד,
און ווען נאַכט
אַ נישט געזעענע
האָט מיך, אַ געקלאַמערטן
אַוועקגענומען —
האָב איך, הינטער מיר,
מיך שרייען געהערט:
כ׳בין דאָ געווען...
כ׳בין דאָ געווען...

„דער טאָג מיינער האָט געציטערט ווי אַ קליין איבערשראָקן קינד". דער דיכטער ציטערט איבערן לעבן, אין דעם גאַנצן שרייען בלייבט איבער אַ באַטויבנדיקע שטילקייט. אַ שטילקייט, וואָס גיט איבער אַן עכט, ליריש, רייך געפיל־לעבן פון אַ סענסיטיוון מענטשן.

דאָס זיינען די ערשטע טריט פון אַ פּאָעט וואָס גייט שווער, אָבער זיכער אויף זיין אייגענעם, — פול מיט פאַרבלענדטע זעאונגען, — אויסגעחלומטן וועג.

פעטערסאָן, 1926

סי־גייט, ברוקלין, דעם 18טן נאָוועמבער 1947

מיין ליבער דוד: —

שוין אַ וואָך, ווי עס ליגט דיין בוך אויפן טיש, און איך בלעטער און לייען די דראָבנע שורהלעך, די טרויעריקע פּסוקים וואָס דערציילן פון אַן אומענדלעכן צער, די יסורים פון אַ פאָטער און מאַן ביי וועלכן מ׳האָט ביי אים די נאָענטסטע אַזוי אומדערבאַרמיק אַוועקגערויבט.

זיי געטרייסט! דוד טייערער, און געפין נחמה אין דיכטערישן וואָרט מיט וועלכן דו וועבסט אויס, ווי אַ קינסטלער, די הערלעכסטע קוויטן.

נישטאָ קיין אַנדער טרייסט אין אונדזער בידנעם לעבן, ווי דאָס זאָגן, בכל־יום, ס׳אַלטע און נייע תהילימל, — דוד המלך׳ס, און — די נייע תהילים־רייד וואָס מיר געפינען ביי אונדזערע היינטיקע דאַוונער אויף יידיש, ביי חיים קרול׳ן, ביי י. י. סיגאַל׳ן, און אין דיין נאָר־וואָס דערשינענעם טרויעריק לידער־בוך:

„פאַרשעמט שטייט דער טויט

אַנטקעגן שוואַרצן ראָם

וואו דיין געשטאַלט

איז איינגעפאַסט"...

דאָס זיינען שורות וואָס געדענקען זיך, און וואָס יעדער וואָס האָט אַ נאָענטן פאַרלוירן קען זאָגן אינדערשטיל...

איך האָב דערפילט דעם טויט אין זיך גופא, עפּעס איז אין מיר אַליין אָפּגעשטאָרבן, ווען כ׳האָב מיין פאָטער פאַרלוירן... גאָרנישט האָט מיך געקענט טרייסטן. און פון יענעם טאָג אָן, (יום ב׳ בשבט, שנת תרצ"ח) אַז כ׳הער דאָס וואָרט „טויט" איז ער מיר אַן אַלט־באַקאַנטער... אַ נאָענטער... די מינוטן פון פרייד וואָס מיר כאַפּן אַריין פון לעבן זיינען ווי בלעזלעך, ווי שוים. און גערעכט איז טאַקע דער אַלטער פּיטן! שפּעט ביינאַכט, אויפן געלעגער, פאַרן אַנטשלאָפן ווערן, אין אונדזער קריאת־שמע לייענען, מאַכן מיר חשבון און מיר

קוקן דעם טויט אין פנים אַריין. ער בלייבט טאַקע שטיין, ווי דו זאָגסט:

„ פאַרשעמט, אַנטקעגן שוואַרצן ראַם"...

כאָטש איך קען דיך ניט טרייסטן פיל, וויל איך דיר זאָגן, אַז דיינע לידער רופן אַרויס אַ טרייסט וואָס די געוויינלעכע בשר־ודמ'יקע שפּראַך קען דאָס גאָרנישט אַרויסברענגען. פאַראַן אַ נאָענטקייט מיט דעם אייביקן אין דיינע שטילע, טרויעריקע לידער. וואָס איז דען דאָס גאַנצע שרייבן? שטרעבונג צו באַצווינגען דעם אייביקן שונא — דעם טויט! אים, דעם טויט פאַרשעמען. דיין תפילהדיק וואָרט קומט צו זייער נאָענט צו דעם.

מיך האָט שטאַרק גערירט דאָס ליד דיינס אין קאַפּיטל ל"ה:

„כ'וויין,

און מיר דוכט זיך

אַז דו הערסט זיך צו,

באַלד וועסטו

פון באַהעלטעניש אַרויס

און ווי אַ קינד

איינשטילן מיך"...

דיינע לידער, דוד, דאַרף מען לייענען אין דער שטיל, אַוועק פונעם טומל; (און אויך פון ליטעראַרישן טומל...) נאָר דאַן קען מען דערפילן דיין עכטקייט, און דיין נאָענטקייט צו די פאַר וועמען די אייביקייט איז בלויז אַ קורצער שפּאַן...

זיי מיר האַרציק געגריסט און זיי שטאַרק אין דיין צער!

דיינער בלב ובנפש,

ש. ד. זינגער

ברוקלין, נ. י., דעם 17 פעברואַר, 1950

טייערער דוד:

איך האָב זיך געקליבן דיר שרייבן שוין פון לאַנג. נו, איך ווייס, אַז דו ביסט אַ ביסל ברוגז אויף מיר, אָבער איך ווייס אויך און קען דיך, אַז דו ביסט אַ מענטש מיט אַ גוט האַרץ און דו וועסט מיר פאַרגעבן. פאָרט זיינען מיר דאָך פון איין דור. ס'הייסט מיר האָבן אָנגעהויבן צוזאַמען, ווי שרייבער. אַט בין איך געווען לעצטן מאָל אין פעטערסאָן ביי דער מאַמען זאָל לעבן; זי האָט פאַרקויפט דאָס הויז, און איך האָב געמוזט גיין אויפן בוידעם אַראָפּנעמען דאָס לעצטע ביסל ביכער, מאַנוסקריפּטן און שמות. עס האָט מיך צענומען... בין געשטאַנען אַן איינגעבויגענער איבער אַ פאַרשטויבטן קאַסטן, און געזען שלאַמאָוויטשעס בריוולעך, טרערן זיינען מיר געקומען אין די אויגן. בלעטלעך פון „זעגלען", דיינע לידער, פרידס מאנוסקריפּטן: אַ ציטער פון געפילן און זכרונות. עס איז דאָך גוט געווען דאָס חלומען דעמאָלט פון דער צוקונפט, דיינע דראָבנע טיפע שורהלעך, מיסטיש, פאַרהוילן. און דאָך אַזוי קלאָר, אַזוי טראַגיש־טיף אויפן גורל פון מענטש, וואָס ליגט איינגענורעט, ווי דאָס פראָשל אין דיין ליד, אין די אייגענע פיר איילן... עס איז פאַראַן אַזוי פיל פון דעם טראַגישן פון דעם היינטיקן מענטשן אין דיין יעדן וואָרט, אין יעדער זילבע פון דיינס אַ ליד!

שרייב מיר, ליבער דוד, איך טראַכט אינגיכן צו זיין ביי דיר. זיי געזונט און האַרציק געגריסט.

דיין,

ש. ד. זינגער

וועגן דעם דיכטער דוד פעפער

פון ז. טיגעל

דוד פעפער, אַ פּעטערסאָנער, איז נאָך גאָר אַן אָנפאַנגער. ער האָט אינגאַנצן אין זיין לעבן אָנגעשריבן נישט מער ווי אַ צענדליק לידער. איך דערמאָן אים אָבער צוליב דעם, ווייל די איינציקע לידער, וואָס ער האָט אָנגעשריבן באַווייזן באַשיינפּערלעך, אַז מיר האָבן דאָ צו טאָן מיט אַ דיכטער. זיינע לידער, וואָס ער האָט אָנגעשריבן ביז איצט זיינען אָריגינעל. און ווערן אַרויסגעפּירט מיט דיכטערישן קלאַנג. ער קאָן טראַכטן און דאָס וואָס ער טראַכט אַדורך ווייסט ער עס ווי אַזוי אַרויסצוברענגען, אַלץ אַ סימן אַז ער איז אויף דעם אמתן וועג, וואָס וועט מיט בלומען באַצירט ווערן. אַפילו זיינע דריי לידער, וואָס מיר דרוקן אין היינטיקן נומער „שטערן", זיינען אַ באַוויז דערצו.

„דער שטערן", פּעטערסאָן, 1920

בריוו פון ש. טענענבוים

ניו־יאָרק, דעם 28טן יולי, 1942

טייערער קאָלעגע דוד פעפער:

איך דאַנק אייך פאַר אייער בוך קאָסמישע, אַניקע, צאַרטע, מע־לאַנכאָלישע וואונדערלעכע „לידער". איר זענט אַ פאַנטאַסט און די פאַנטאַזיע איז דער הויפּט־עלעמענט אין אייער דיכטונג. איר ווערט אַליין באַהערשט און אַוועקגעטראָגן אין וואונדערשיינע וועלטן. יעדעס ליד איז אַ הערלעכע שטימונג. אינגאַנצן גענומען ווייזט עס אַן אָריגי־נעלן אמתן פּאָעט.

איך גריס אייך האַרציק. אייער,

ש. טענענבוים

ניו־יאָרק, דעם 24טן אויגוסט, 1942

מיין ליבער דוד פעפער!

אַ דאַנק אייך פאַרן באמת האַרציקן בריוו. פאַר די לויברייד אויף מיין בוך'ס אַדרעס. דער פאַרלוסט פון אייער בת־יחידה — איז אַ ביטערער, עס קען גאָרנישט אויסגעדריקט ווערן אין ווערטער. איך פיל זיך שוואַך און קליין און ווערמדיק — אייך צו פּרוּוון אַפילו טרייסטן. עס איז נישטאָ קיין טרייסט פאַר די קאַטאַסטראָפעס פון לעבן, פאַר דעם קאָלאָסאַלן, מאָנסטריעזן טויט — פאַר וועלכן מיר בלייבן שטיין קליין און אָפּהענטיק און דערשלאָגן.

זייט געזונט, טייערער דוד פעפער, איך גריס אייך האַרציק. איך נעם אייך האַרציק אַרום אין אייער געוואַלטיקן טרויער.

אייער,

ש. טענענבוים

ניו־יאָרק, דעם 7טן אַפּריל, 1944

מיין ליבער דוד פּעפּער!

ווי פילט איר זיך און וואָס מאַכט איר? אייער בריוו, פון אויגוסט 28, 1942 — לייען איך. ער איז צאַרט און פּאָעטיש געשריבן.

איך האָב געשריבן אַן עסיי איבער פּאָעזיע — יידישע פּאָעזיע — און ציטירנדיק פון פילע דיכטער — ציטיר איך אויך פון אייער בוך. איך שיק אייך מיין ניי בוך, טייערער דוד פּעפּער. איך האָף, אַז איר וועט עס לייענען.

איך גריס אייך זייער האַרציק. מיט טיפער פריינטשאַפט, אייער,

ש. טענענבוים

ניו־יאָרק, דעם 13טן אַפּריל, 1944

טייערער פריינט און קאָלעגע דוד פּעפּער:

איך פאַרשטיי אייערע ביטערע ליידן.

האָט איר געהערט פון דעם פּוילישן פּאָעט, יאַן קאָכאַנאָווסקין? ער האָט געלעבט ביים סוף פון 16טן יאָרהונדערט, אין אונדזער געגנט — לובלינער גובערניע. זיין איינציקע טאָכטער, אורשולאַ, איז אים געשטאָרבן. דער פאַרצווייפלטער פאָטער האָט אָנגעשריבן איינס פון די אומשטערבלעכסטע טרויער־געזאַנגען „טרערן" — איך האָב עס אַלס קליין ייִנגל פיל מאָל געלייענט.

יאַן קאָכאַנאָווסקי, וואָס איז געווען דער הומאַניסט און קולטור־מאַן אין דער פּוילישער פּאָעזיע, האָט אין פּאַריז באַזוכט דעם דאַמאָלסט גרויסן פראַנצויזישן פּאָעט פּיער ראנסאַר. „טרערן" איז אַ שטאַרקע פּאָעמע, אורשולאַ וואַקסט דאָרטן אויס צו אַ שיין, טראַגיש און טאַלאַנטפול קינד.

איך גריס אייך זייער האַרציק, טייערער דוד פּעפּער. זייט געזונט.

אייער,

ש. טענענבוים

ניו־יאָרק, דעם 19טן אַפּריל, 1944

מיין ליבער דוד פּעפּער!

פון אייער בריוו — אַזוי צאַרט און ליריש — זעט עס אויס, אַז איר האָט שוין מיין ווערק געלייענט, יעדנפאַלס באַהויכט געוואָרן פון מאַנכע דערציילונגען דערפון. איך בין זייער צופרידן. אַזעלכע ווי איר, טייערער דוד פּעפּער, איז אַ פרייד צו האָבן אויף דער וועלט. מען ווערט אין אייער געזעלשאַפט נישט פאַרשעמט.

איך נעם אייך האַרציק אַרום. איך גריס אייך זייער האַרציק.

אייער,

ש. טענענבוים

ניו־יאָרק, דעם 29טן יאַנואַר, 1947

טייערער פריינט און קאָלעגע דוד פּעפּער:

איך דאַנק אייך האַרציק פאַר אייער בריוו פון 21טן יאַנואַר, 1947 — און פאַר אייערע ווערטער וועגן מיין ניי בוך, וואָס זיינען האַרציק און רירנד. דאָס בוך ווערט זייער שטאַרק געליבט, ווי מיין בעסט בוך. יאָ, איך קאָן אייך נאָר זאָגן, אַז איך האָב עס געשריבן מיט פייער פון מיין האַרצן.

איך גריס אייך האַרציק.

אייער,

ש. טענענבוים

ניו־יאָרק, דעם 2טן אַפּריל, 1947

טייערער פריינט און קאָלעגע דוד פּעפּער:

געליינט אייער נײַ בוך און פון אייערע אידעלע לידער איז אויפגעגאַנגען אַ שטילער אומעט, אַן אידעלער, דינער, צאַרטער. דער אומעט פון עכטער ליריק.

אירע לידער זײַנען באַהויכט מיט די יונגע ווענזס — אייער פרוי און קינד — וואָס זײַנען יונגערהייט פון דער וועלט פאַרשניטן געוואָרן. פאַראַן אין אייערע לידער אַן אידעלע באַשיידנקייט. אַ שטילקייט פון אַ העכסט נאָבעלן מענטשן. און ווי בײַ אַלע עכטע פּאָעטן — איז אויך אין אייער ליד די הויפּט־אַטמאָספערע — טרויער, טרויער, טרויער . . .

דאָס איז די לופט פון עכטן ליד.

איך באַגריס אייך האַרציק צום דערשיינען פון אייער נײַ בוך „לידער“. אייער נאָמען וועט אַרײַנגעשריבן ווערן אין פּאַנטעאָן פון אונדזערע ערלעכע עכטע פּאָעטן!

יעדעס ליד איז ריין, ציכטיק, ערלעך און מיט דער אומשולדיקייט —דער אייביק־קינדישער־ריינקייט — פון עכטער ליריק. די לידער האָבן אַ מין הייליקייט, וואָס נעמט אַרום דעם לייענער און מאַכט אים אויך הייליק און ריין. אַ האַרציקן דאַנק.

אייער,

ש. טענענבוים

פּ. ס. איבערגעשריבן דעם מאַנוסקריפּט — וואו איך רעד אויך וועגן אייער ערשטן בוך לידער. עס איז אַ גרעסערער מאַנוסקריפּט.

ש. ט.

אַ בריוו פון דניאל טשאַרני

ברוקלין, דעם 4טן אַפּריל, 1947

טייערער פריינט און קאָלעגע דוד פעפער:

כ׳האָב אָקאָרשט איבערגעלייענט אייער לידער־בוך, און ס׳האָט זיך מיר פאַרגלוסט אייך מנחם־אָבל צו זיין כאָטש מיט אַ בריוו.

ס׳איז, אייגנטלעך, ניט קיין בוך פון „לידער״, ווי איר האָט אים באַטיטלט, נאָר אַ בוך פון פסוקים, וועלכן יעדער אָבל קאָן און דאַרף זאָגן אָנשטאָט אַ קאַפּיטל תהילים.

איך אַליין האָב שוין ניט איינמאָל אין מיין לעבן פאַרזוכט דעם ביטערן טעם פון אבלות און דעריבער טאַקע זיינען מיר אייערע לידער־פסוקים באַזונדערס נאָענט און היימיש.

אויך מיינע יאָרן, פּונקט ווי אייערע „פליען אום ווי פייגל מיט גלעקער אויף די פליגלען און קלינגען אויס אין דער לופטן מיין פאַרגאַנגענהייט״. און מיט דעם קלאַנג פון אונדזערע „באַגלעקלטע פליגלען״ געפינען מיר אונדזער שטיקל טרייסט.

כ׳ווינטש אייך נאָך לאַנגע, לאַנגע יאָרן צו פליגלען אָט אַזוי איבער אונדזער דיכטונג.

פאַרבלייבט געזונט און האַרציק געגריסט.

אייער,

דניאל טשאַרני

בריוו פון הענעך לייזעראָוויטש

פעטערסאָן, דעם 2טן יולי, 1928

אַ מתנה דעם קינדיש־פאַרבענקטן דיכטער דוד פעפער, וואָס בענקט אַזוי שיין, ווי ס'האָט געבענקט, אים צו לאַנגע יאָר, זיין שיינע מאַמע גענענדל, און גוט, ווי זיין טאַטע משה:

איך זוך דיך,
צווישן ערדישן
מענטשן געווימל...
און אַז איך
געפין דיך נישט:
קוק איך צום הימל,
צווישן די שטערן
און זע דיך אַרויס.

(פון אַ פאָרטרעט ד. פ.)

מיט האַרציקע גרוסן, אייער

הענעך לייזעראָוויטש

פעטערסאָן, דעם 9טן אַפּריל, 1929

מיין ליבער דוד:—

איך האָב געוואַרט אויף אייך ביז האַלב נאָך 12 אין קאַפּעי און געמיינט, אַז איר שלאָפט שוין געשמאַק, בין איך אויך אַהיים גע־גאַנגען זיך לייגן. ביי דער געלעגנהייט וויל איך דאָ אויפשרייבן דעם איינדרוק, וואָס אייער בריוו האָט אויף מיר געמאַכט:

„עס וועקט מיך
אייער געשטאַלט
פון ליכטיקן טאָג.
און איך חלום
מיט אָפענע אויגן,
ביז ס'קומט די נאַכט
און שלעפערט מיך איין.

וואָס מאַכט איר מיין טייערער דוד? ווען זען מיר זיך? זייט געזונט און האַרציק געגריסט מיט אייער פאַמיליע.

אייער,

הענעך לייזעראָוויטש

פעטערסאָן, דעם 6טן מאַי, 1929

טייערער חבר דוד פעפער: —

דורכגייענדיק אַ לויפנדיק וואַסער, און זעענדיק ווי ס'יאָגן שטראָמען, כוואַליעס — האָט ווי דורך אַ וואַסער־פאַל אויפגעטויכט אייער דורכזיכטיק ליד:

„און ווילסטו זען מיין געשטאַלט? —
נעם איך דעם שטאָק,
פּאַטש אין וואַסער;
ס'וואַסער שפּריצט,
טורעמט צום הימל.
דו זעסט מיך נישט,
נאָר דעם דורכזיכטיקן וואַסער־בויגן,
וואָס ציט אין דער הויך. —
לאָזן די וואַלן זיך שטראָמען,
לויפן כוואַליעדיק פון פעלדז אַראָפּ.
זעסטו נישט
מיין זילבערנע טרער,
נאָר שנייאיקע וואַסער־פאַלן —
שוימיקע צעפּ,
לייכטן פון טאָל"...

נאָך אַזאַ הערלעכן אויסגוס, ווייס איך נישט — ווער ס'איז ס'לויפנדיקע וואַסער, און ווער ס'איז דאָס דורכזיכטיקע ליד. איך טראַכט: איר זענט אַ גאָטס געבענטשטער דיכטער, וואָס בלויז די נאַטור, קאָן זיך גלייכן צו אייך.

ווי געפעלט אייך מיין ליד „שמעטערלינג" אין דער „פרייע אַרבעטער שטימע"?

וואָס מאַכט איר טייערער דוד? און אייער פאַמיליע, וואָס מאַכט? דעם שבת, זיבן אין אָוונט וועל איך זיין ביי אייך.

זייט מיר האַרציק געגריסט מיט אייער ליבער פרוי און וואוילע קינדער.

אייער,

הענעך לייזעראָוויטש

פּאַריז, דעם 16טן אויגוסט, 1939

מיין ליבער דוד פּעפּער: —

איר ווייסט צו לינדערן מיין שמאַרץ און ווייכער צו מאַכן מיין האַרץ! איך ווינטש מיר, אַז די מוזע זאָל זיך ווידעראַמאָל באַווייזן צו מיר און איך זאָל אייך נאָך קענען אָנשרייבן, וואָס זאָל שטימען אין דער האַרמאָניע מיט אייער פיין דיכטעריש ברִיוול.

אייער ליד „מיסטן" — איז באמת אַ פּערל, וואָס וועט אייביק לויכטן ווי די זון. וואָס מאַכט איר, פאַרבענקטער דוד? שוין לאַנג נישט געזען אייך.

זייט געזונט און האַרציק געגריסט מיט אייער ליבלעך־גוטע אײדען און ליבע קינדער.

אייער,

הענעך לייזעראָוויטש

צוויי בריוו פון קלמן מרמר

ניו־יאָרק, דעם 2טן מערץ, 1928

טייערער פריינט און קאָלעגע דוד פּעפּער:

פאַרוואָס שווייגט איר? עס דרוקט זיך שוין דער אות פּ' און איר האָט ביז איצט נישט געלאָזט הערן פון זיך.

זייט אַזוי גוט און שיקט מיר גלייך צו אייער אויטאָביאָגראַפיע, מיט אייער בילד פאַר זלמן רייזענס „לעקסיקאָן". און אויך פון אייערע קאָלעגן, וועלכע איר האָלט פאַר טאַלאַנטן.

מיט בעסטן גרוס.

אייער,

קלמן מרמר

ניו־יאָרק, דעם 12טן מאַי, 1947

טייערער קאָלעגע דוד פּעפּער:

אַ דאַנק אייך פאַר אייער אויסטערלישער מתנה —

„דעם ציטערנדיקן קלאַנג
פון אייערע געפילן,
וואָס שפּילן
אין די שטילסטע טענער
אייער ,אומעט־ליד'."

לייענענדיק אייערע לידער זע איך פאַר זיך די געשטאַלט פון אייער „פאַרשטאָרבן קינד", גוירטרוד! (געגענדל). פאַרנעם איך דעם „עכאָ" פון אייער פאַרשטאָרבענער פרוי, איידע'ס (חיה'ס) „לאַשטשענ־דיק קול", און פיל אייערע פאַרלוסטן ווי מיינע אייגענע, פון יאָרן פריער...

מיט טיפן מיטגעפיל

אייער,

קלמן מרמר

אַ בריוו פון י. י. סיגאַל

ניו־יאָרק, דעם 9טן נאָוועמבער, 1926

מיין ליבער דוד פּעפּער: —

ווען איך זאָל האָבן אַ סך מוט און געדולד צו זיך, וואָלט איך אייך אַ לאַנגן בריוו געשריבן. אייערע עטלעכע שורות האָבן מיך אָנגערעגט אַ ביסל צו רעדן. און אויפן האַרצן ליגט אַ שיין ביסל איינגעגליווערט און זוכט איטלעכעס שטיקל שיין און וואַרעמקייט, כדי זיך צו צעגיסן.

אייערע פּאַר ווערטער האָבן אַ שיין־געטאָן און ס'האָט עפּעס אָנגעהויבן צו צעגיין אינעווייניק. אָבער איך לאָז נישט. יעדע זאַך קאָסט מיך אַזויפיל און איך קאָן זיך עס נישט פאַרגינען. איך מוז לעבן מחוץ מיין אייגענעם געפיל אָפּטמאָל, ווי איטלעכער פון אונדז. איך — אפשר נאָך מער ווי אַנדערע. אַ מאָדנער פּלאָנטער מיין טאָג־טעגלעכקייט. אַ סך צו רעדן און ווייניק צו הערן. אָבער אַ מכהלע אין זייט איז עס אַ גוטס... איז ווי איך האָב שוין אייך געשריבן, צו וואָס זיך ווייזן דערמיט, איבערנעמען? וואויל און גוט איז מיר, ווען איך קאָן אַליין אַנטלויפן פון מיינע סענטימענטן, ביטערנישן, און אויפן האַרטן קישן זיך שטאַרק, שטאַרק איינגראָבן און האָבן די זיסטע פון מיינע אילוזיעס — אַז איך ליג צוגעדריקט מיט מיין ברוסט צו אַ קברל... איך גלויב, אַז אין אַ פּאָר טעג אַרום וועל איך מיט חיים'לען*) זיך אַריבערכאַפּן צו אייך און פאַרברענגען אַ פּאָר חברשע שעהן.

חיים קרול האָט מיר געוויזן אין זיין בריוו, שרייבט איר דאָרט, אַז ער זאָל זיך ניט באַטייליקן אין די „זעגלען". וואָס איז געשען? מיך אינטערעסירט צו וויסן. וואָס מאַכט איר אין אַלגעמיין? שרייבט איר? (פאַר אייערע שיינע לידער שענק איך אייך מיין בוך לידער אַ מתנה.) און וואָס מאַכט אייער ווייבל? און אייערע חברה? און וואָס טוט די טייערע גענענדל? (גוירטרוד). זי איז מיר איינגעבאַקן געוואָרן אין זעל. אַזאַ טייער וואויל קינד, אַ ליבס. קושט זי פאַר מיר. און פּעטערסאָן! פּעטערסאָן וואָס מאַכט? אַ שטעטל ווי אַ קיטל... אין וועלכן מ'קאָן ווייניק זינדיקן אָבער גאַנץ גוט זיך אויסשלאָפן, אָבער מיט אַ זכות, וואָס אַ פּאָר גוטע חברים וואוינען דאָרט און וועבן אַריין אַ ביסל זייד אין אירע מאָגערע זייטן...

זייט געזונט און האַרציק געגריסט מיט אייער פאַמיליע. אויך גריסט האַרציק הענעך לייזעראָוויטשן דעם פּאָטערלעכן און קלוגן יידן.

אייער, **י. י. סיגאַל**

---

*) חיים קרול.

אַ בריוו פון א. פרינץ

ניו־יאָרק, דעם 28טן, נאָוועמבער, 1929

מיין ליבער דוד פעפער:—

ערשט געלייענט אייערע לידער אין צימער פון מיין ליבן חבר חיים קרול. זיי געפעלן מיר. דינינקע, וואַרעמע און דער אידעלער ציטער אין זיי — ווירקט.

זייט מיר פריינטלעך געגריסט.

אייער,

א. פרינץ

אַ בריוו פון ריילי פילעצער

קעמפּ יוניטי, נ. י. דעם 28טן יולי. 1937

טייערער חבר דוד פּעפּער: —

אין געדאַנק האָב איך צו אייך געשריבן, נאָר ניט עס דורכגעפירט. איך בין דאָך ניט אויף וואַקאַציע; דאָ, וואו איך געפין זיך איז די נאַטור הערלעך שיין. ניט איך, נאָר אַ מאַלער וועט עס אפשר קאָנען מאָלן. איך בין אַרומגערינגלט מיט גרינע, הויכע בערג. ניט ווייט זע איך דעם טייך ווי מענטשן באָדן זיך און שווימען. די מענטשן זעען אויס, ווי קליינע שפּילקע־קעפּלעך. דאָ איז מיין רו־פּלאַץ, נאָך דער אַרבעט. עס איז צווישן טאָג און נאַכט, די זון פאַרגייט אין פאַרשידענע קאָלירן.

עס זיינען דאָ אַקטיוויטעטן — יעדן טאָג אָדער אָוונט עפּעס אַנדערש. איך האָב ניט פיל צייט, אַז איך זאָל קאָנען אַלץ שרייבן. די דריי מאָנאַטן, וואָס איך געפין זיך דאָ, זאַפּ איך זיך אָן מיט גייסטיקעס.

וואָס מאַכט איר, טייערער דוד פּעפּער? און אייער גוטע און טייערע חברטע אידע מיט די וואוילע קינדער וואָס מאַכן? זייט אַזוי גוט און שיקט מיר אייניקע פון אייערע וואונדערלעכע נאַטור־לידער, — ווייל אָן זיי איז ס'נאַטור־לאַנדשאַפט ניט גאַנץ. עס פעלט אייער צאַרט־לירישער הויך און די אידיליע־געשטאַלט מיט אייער גרויס פאַרבענקט האַרץ.

איר וואָלט געדאַרפט דאָ זיין און זעען די יוגנט. זיי שמידן דאָס אייזן וואָס וועט אויסהאַמערן אַ נייע וועלט, — אַ וועלט פון גלייכהייט ווען אַלע מענטשן וועלן קאָנען גלייך געניסן פון דער נאַטור־שיינקייט.

מיין האַרציק חברישן גרוס פאַר אַייך און פאַר אייער גאַנצער פאַמיליע.

ריילי פילעצער

צוויי בריוו פון משה פריד

פעטערסאָן, דעם 18טן יולי, 1942

ליבער פריינט און קאָלעגע דוד פעפער: —

אַ דאַנק פאַר דער מתנה. איך וואונטש דיר גרויס דערפאָלג פון דיין אייגנאַרטיקן בוך לידער. האָב דיר געוואָלט שרייבן פריער, האָב איך ניט געהאַט דיין אַדרעס. גראָד האָב איך היינט געטראָפן וואָלף געלבאַרטן און ער האָט מיר געגעבן דיין אַדרעס.

צו דער זעלבער צייט וויל איך אויסדריקן מיין טיפסטן מיטגעפיל אויף דעם אומגליק, וואָס דו און דיין פרוי האָבן געהאַט. אין אַזאַ צייט איז באַזונדערס נויטיק ניט צו פאַרלירן קיין מוט.

מיט די בעסטע וואונטשן, דיין,

משה פריד

מעמפיס,טענעסי, דעם 11טן מערץ,1951

טייערער חבר דוד פעפער: —

כ׳בין אָפּגעפאָרן אויף אַ וואָך צייט קיין מעמפיס, טענעסי. כ׳שרייב טאָקע דעם בריוו פון אָט דער דרומדיקער שטאָט.

כ׳האָב פאַרנדיק אויסגענוצט די געלעגנהייט און נאָכאַמאָל איבערגעלייענט די צוויי לידער־ביכער דיינע. איך מוז דיר זאָגן, פעפער, אַז דו ביסט פאַר מיר, אַלס פּאָעט, שטענדיק געווען אַ מין רעטעניש, אַזוי אויך דיינע, כמעט אומפאַרשטענדלעכע לידער. האָב איך דעריבער געוואָלט נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל לייענען דיינע לידער־ביכער; דערגיין דעם סוד פון דיין דיכטערישער געשטאַלט; דערגיין, וואָס אַזעלכעס דו ביסט אויסן אַרויסצוברענגען, און וואָס אַזעלכעס פּייניקט דיך און גיט דער נשמה דיינער קיין רו ניט.

כ׳ווייס ניט צי דאָס איז מיר געלונגען צו דערגיין. כ׳קאָן אָבער יאָ זאָגן, בשעתן לייענען די לידער דיינע האָב איך קיין איין מינוט

ניט אויפגעהערט צו זען דיך, דעם טיף־פילנדיקן פּאָעט, און ס'האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַז הגם, איך קאָן דיך שוין פּערזענלעך, מער פון צוויי צענדליק יאָרן. — פונדעסטוועגן קאָן איך דיך אין דער אמתן גאַנץ ווייניק... כ'האָב זיך ערשט איצט אויף אַן אמת באַקענט מיט דיר.

דיינע לידער האָבן מיר אַנטפּלעקט דאָס סודותדיקע, וואָס איז פאַרבאָרגן אין דיין דיכטערישן געמיט. כ'האָב אין דיינע לידער גע־פילט דעם ציטער פון די טראַגישע איבערלעבונגען דיינע, און דעם אייביק גייסטיקן דראַנג דיינעם זיך אויפצוהויבן אויף די דיכטער־פליגלען.

איך ווינטש דיר, אַז דו זאָלסט נאָך קאָנען שאַפן נאָך פילע, פילע יאָרן. איך פאַרבלייב דיין חבר,

משה פריד

אַ בריוו פון מאיר פּאַריז

פּעטערסאָן, דעם 6טן פעברואַר, 1950

ליבער פריינט און קאָלעגע דוד פּעפּער: —

לייענענדיק אייער בוך לידער, האָבן זיך טרערן פון מיינע אויגן געגאָסן. אַזוי טיף־רירנד — אַזאַ הייליקער ציטער נעמט דורך די נשמה.

זייט געזונט און האַרציק געגריסט.

אייער,

מאיר פּאַריז

PUBLIC LIBRARY
OF THE
CITY OF DENVER

אַ בריוו פון י. ל. קאַלושינער

ניו־יאָרק, דעם 5טן דעצעמבער,1949

ליבער פריינט און קאָלעגע דוד פּעפּער: —

דערהאַלטן אייער חבֿרישן בריוו און אייערע צוויי ביכער לידער. מיין האַרציקן דאַנק אייך פאַר שיקן זיי מיר.

כאָטש איך האָב געלייענט בלויז אַ קליינע צאָל לידער, האָבן זיי אָבער געמאַכט אויף מיר אַ שטאַרקן איינדרוק. די לידער פאַרמאָגן אַ פּאָעטישע לירישקייט וואָס קומט פון אַ דיכטערס נשמה און רירן דאָס האַרץ. דער קלאַנג און דאָס בילד פון אייער ליד, קען ניט פאַרגיין.

עס געפעלן מיר אויך די לידער, וואָס פאַרמאָגן אַזאַ שטילן פילאָזאָפישן טאָן און זיינען געשריבן קורץ אָבער שטאַרק.

איך גריס אייך האַרציק און זייט געזונט מיין טייערער דוד פּעפּער.

אייער,

י. ל. קאַלושינער

אַ בריוו פון לאהלע קאָהן

פעטערסאָן, נ. דזש. דעם 10טן אַפּריל, 1942

טייערער חבר דוד פּעפּער: —

מיט פיל פאַרגעניגן לייען איך דיין בוך „לידער". וואָס מער איך לייען אַלץ מער וויל איך לייענען — כ'בין אַנטציקט פון דיינע לידער און קאָן זיך פון זיי נישט אָפּרייסן.

איך ווינטש דיר גרויס דערפאָלג.

מיט די בעסטע גרוסן, דיין פריינדין,

לאה'לע

אויסצוגן פון אַ רעפעראַט פון יאַנקל קאַציק,
וועגן דוד פעפערס לידער

אייגנטלעך גיט דאָך אונדז דוד פעפער, אַזוינס פון דיכטונג, וואָס מיר ווילן. נאָר אָנשטאָט אָפּענערהייט, טוט ער עס שעמעוודיק און באַהאַלטענערהייט. ער זינגט:

„הינטער נאַכטס פינצטערע פלייצעס,
האָט מיין ליד זיך געמאָלן;
מאָלנדיק
האָט די פינצטערניש אויפגעלויכטן
און ווי אַ בעכער אַ צעשטראַלטער,
זיך אַוועקגעשטעלט.
מיין ליד האָט ציטערדיק
דעם בעכער גענומען,
אַ כוס מיט פרייד דעם מאָרגן דערלאַנגט
און שעמעוודיק
הינטער נאַכטס פינצטערע פלייצעס
זיך באַהאַלטן.

דוד פעפערס לידער זיינען ווי צאַרטע בלומען, וואָס בליען פאַרהוילן, נאָר די דרויסנדיקע ריחות זייערע, ברענגען צום גאָרטן, צום פּאָעטס האַרץ — וואָס אַנטציקט מיט שיינקייט, מיט אייגנאַרטיקייט און מיט דיכטערישן כוח.

פּעטערסאָן, דעם 15טן מערץ, 1942, ביים אָוונט פון ברענטש 5, א.א.א.

בריוו פון ברוך קאַצענעלסאָן

מיין ליבע גוירטרוד: — (גענענדל)

מיין ליבער דוד: —

אַ האַרציקן דאַנק אייך פאַר אייער בילד. איצט וועל איך קאָנען אייך זען אָפט, זייער אָפט. און דאָס האַרץ וועט רעדן צו אייך.

וואָס מאַכט איר, שווייגנדיק־ליבער פריינט מיינער? אויב איר קענט, קומט, צוזאַמען מיט חיימען טאַקע, צום „פעדער"־באַנקעט, וועלן מיר זיך זען. איך וויל אייך זען.

איך גריס אייך האַרציק פרוי פעפער און די קינדער, באַזונדערס גענענדלען. זייט אַלע געזונט און שטאַרק.

אייער,
ברוך קאַצענעלסאָן

נ. ב. אין אָקטאָבער־נומער „פעדער" גייען אַריין 2 לידער פון ש. ד. זינגער. גיט אים איבער מיינע בעסטע גרוסן.

עיקר שכחתי! פאַרגעסט ניט איבערצוגעבן דאָס בריוול וואָס איך שיק דאָ מיט צו אייער ליב טעכטערל גענענדל.

מיין ליבע גוירטרוד: — (גנענדל)

איך האָב צוגעזאָגט שרייבן דיר אַ בריוועלע, טו איך עס אַצינד. ווערסטו איצט מוזן ענטפערן מיר. מיר האָבן דאָך אָפּגערעדט אַזוי, געדענקסט?

ווייסט? איך האָב ניט ליב ניו יאָרק. שטענדיק זיינען אַלע דאָ פאַרהאָרעוועט, פאַרזאָרגט. וואוינט מען אין ניו יאָרק עטלעכע יאָר, קען מען פאַרגעסן ווי צו שמייכלען. אַז דו וועסט אויסוואַקסן אַ גרויסע מיידל, זאָלסטו בעסער וואוינען אין אַ קליין שטעטעל, וועט דיר שטענדיק גוט זיין.

וואָס מאַכסטו, ליבע גוירטרוד? ווען וועסטו מיר צושיקן אַ מעשהלע? דערציייל עפּעס: אַמאָל איז געווען...

קומענדיקע וואָך הויבט מען אָן ווידער לערנען אין די ענגלישע שולן. וועסטו שוין זיין באַשעפטיקט. איך ווייס: ביסט דאָך אַ פלייסיקע שילערין, אָבער יידיש דאַרף מען אויך לערנען, און טאַקע פיל לערנען.

האָסט אַ טאַטן, אַ גוטן לערער, אַ גרויסער דיכטער איז ער: לערן פון אים, לערן אַ סך, לייען יידישע ביכער און שרייב מיר בריוועלעך. כ׳האָב אָנגעשריבן אַ לאַנגן בריוו. יאָ? זיי געזונט און שטאַרק.

דיין,

ברוך קאַצענעלסאָן

פּ. ס. איך גרוס האַרציק דיינע עלטערן און דיין ברודערל.

ניו־יאָרק, דעם 10טן סעפּטעמבער, 1925

מיין ליבער דוד פּעפּער: —

עס בענקט זיך נאָך אייך. איר שווייגט אַזוי שיין. גוט געווען ביי אייך אין הויז. מיין רו איז איבערגעבליבן אויף די בערג־שפּיצן וואָס באַוואַכן אייערע פענצטער. דאָ איז פינצטערער אומרו. בענקט זיך. פאַרנאַכט. איך שטיי לעבן פענצטער, קוק אַרויס אין גאַס. — וואו האָב איך איבערגעלאָזן מיין טאָג?

נאַרישקייטן. בין דאָך שוין אַ דערוואַקסענער מענטש, פּאַסט ניט קלאָגן זיך. און אַז דער טרויער פאַרפולט ס׳האַרץ, שרייבט מען לידער. אָט אַזוי: בויג אַיין דעם קאָפּ און שווייג. —

וואָס מאַכט איר ליבער פּעפּער? וואָס מאַכט אייער פרוי און די קינדער? געזונט. אַ יאָ?

אין סעפּטעמבער־נומער „פעדער" גייט אַריין אַ סעריע לידער אייערע. אויב עס וועט זיין פּלאַץ וועט אַריינגיין אויך אַ קורצער נאָטיץ וועגן דער שמחהלע לכבוד אונדזער ליבן חיים קרול, ביי קאָלעגע ש. ד. זינגערן אין הויז.

איך וועל, ביי דער ערשטער געלעגנהייט אַנטלויפן פון ניו־יאָרק און קומען פאַרברענגען אַ טאָג מיט אייך.

זייט מיר געזונט און שטאַרק. אַ האַרציקן גרוס מיין ליבן חיימען און אַלע אונדזערע פריינד.

אייער,

ברוך קאַצענעלסאָן

צוויי בריוו פון אהרן קאַרלין

ניו־יאָרק, דעם 26טן מערץ, 1928

ליבער פריינט און קאָלעגע דוד פעפער: —

עס פאַרדריסט מיך זייער, וואָס איך האָב ניט געהאַט קיין מעגלעכקייט אייך צו טרעפן. איך האָב ניט געוואוסט, אַפילו נאָכדעם ווי איך האָב געקראָגן אייער בריוו, אַז איך וועל פאָרן קיין פילאַדעלפיע. איך האָב דאָס געמוזט טאָן. איך האָב געוואָלט האָבן ב. ריווקינס אַן אַרטיקל אין קומענדיקן נומער „די פעדער". איך האָב געדענקט, אַז איך וועל באַוויזן צו קומען פריער איידער איר קומט מיך זען. נו, האָט'ס ניט געגאָלטן. כ'האָף, אַז איר וועט מיר מוחל זיין.

ס'ליד פון לייזעראָוויטשן, האָב איך געגעבן אין דרוק. פון יאַנקל אַדלערס בילדער, ווייס איך נאָך נישט וועלכע אַריינצוגעבן.

פאַרוואָס זשע, טייערער דוד פעפער, האָט איר ניט געלאָזן קיין לידער? איך דערוואַרט איינגיכן צו הערן פון אייך און אויך לידער פאַר דער „פעדער".

גרוסן האַרציקע צו אייך און לייזעראָוויטשן.

אייער,

אהרן קאַרלין

ניו־יאָרק, דעם 12טן אַפּריל, 1931

טייערער קאָלעגע דוד פעפער:

איך האָב אייך מיט אַ פּאָר טעג צוריק אַרויסגעשיקט אַ נומער „פעדער" פאַר וועלכן איך קום אייך אַ דאַנק אַלס דער ערשטער איניציאַטאָר.

איך ווייס נישט צי איר זענט גרייט פאַרן צווייטן נומער, וואָס גייט טאַקע אַריין די טעג אין דרוק, און וועט זיין אַ יובילייִ־נומער, ווייל „די פעדער" איז דערשינען אין מאַי, 1919. קומענדיקן נומער, ווערט 12 יאָר זינט זי דערשיינט.

איך וועל אויך פּראָוון, נאָכן דערשיינען פון נומער, אַ באַנקעט. אויב, ווי געזאָגט, איר זענט גרייט, שיקט גלייך צו דעם מאַטעריאַל, כדי דער נומער זאָל קענען דערשיינען אין צייט.

אייער, מיט קאָלעגיאַלן גרוס:

אהרן קאַרלין

בריוו פון חיים קרול

ניו יאָרק דעם 21סטן נאָוועמבער, 1923

טייערער דוד:

איך האָב דיין בריוו דערהאַלטן מיין ליבער, דו האָסט מיך דער־פרייט און איך דאַנק דיר פון טיפן האַרצן. קיין אַרבעט האָב איך נאָך נישט. כ׳האָב אַ צוזאָג פון מאַני לייבן און אויך פון א. ראַבאַי.

איך גרוס דיין גוטע אײדען מיט גוירדעלען און דעם קליינעם אַנטשעלען גיב פאַר מיר אַ קוש. איך וועל אפשר קומען אויף שבת.

גרוס מיר פריינטלעך דיין ברודער, דעם באַשיידענעם גערין און אויך גריס מיר האַרציק דיינע ליבע שוועסטער בעקין און סערען.

דיין, חיים

ניו יאָרק דעם 5טן יאַנואַר, 1924

ליבער דוד:—

זיי מיר מוחל, וואָס איך בין נישט געקומען דעם שבת; אַ צווייט מאָל וועל איך קומען.

טייערער דוד, פון דעם מיטוואָך אָן האָב איך שוין אַרבעט. איך גרוס דיין ליבלעך־גוטע אײדען. איך קוש אַנטשעלען מיט גוירדעלען און דעם ליבן גערין אַ האַרציקן גרוס. דיין,

חיים

ניו יאָרק, דעם 12טן מערץ, 1924

ליבער דוד:—

איך בין געזונט. דאָס זעלביקע פון דיר און פון דיין אײדען און קינדערלעך צו הערן אייביק.

וואָס מאַכסטו? גלויבסט, כ׳האָב דיך אייביק אין זינען און בענק נאָך דיר. זיי מיר געגריסט פון מיר און מיין מיידל חיה־שרה, מיט דיין האַרציקע פרוי אײדע און ליבע קינדער. אַ האַרציקן גרוס דעם גאַר וואוילן גערין, און דיינע ליבע שוועסטער בעקי און סערע. דיין,

חיים

ניו־יאָרק, דעם 2טן דעצעמבער, 1925

טייערער דוד:

איך אַרבעט כמעט גאָרנישט. איך באַקום 10 דאָלער אַ וואָך. איך אַרבעט צוויי שעה אַ טאָג. דריי אַ זייגער גיי איך צו דער אַרבעט, און אַ זייגער פינף בין איך שוין פריי. איך האָב ערשט היינט געשריבן אַ בריוו צו ש. ד. זינגערן איך האָב דאָרט, אין בריוו, געשריבן פון מיר אַ ביסל — לעז אים.

הער, מיין ליבער, דער „פרץ פאַראיין" גייט מיר אויפשטעלן אַ שטול („לום") אַ האַנט־שטול. איך וועל אַרבעטן „מיין" סחורה.

טייערינקער, איך וועל קירצלעך זיין ביי דיר. זיי מיר געקושט.

חיים

איך גריס אייך, פרוי אידע, האַרציק און פריינטלעך. גוידעשי, גענענדל! זיי מיר געקושט. אַנטשעלע! איך קוש דיך. חבר געריִ! זייט האַרציק געגריסט. אייער אַלעמענס,

חיים

ניו יאָרק, דעם 10טן דעצעמבער, 1925

טייערער דוד:

איך פריי זיך מיט דיין בריוו. די לידער געפעלן מיר. איבערהויפּט געפעלן מיר די פאָלגענדע זאַצן:

„גליטשן זיך נעכט,
פון דין־אויסגעצויגענע
פינגער אַרויס".
„גוף מיינער —
אויסגעפורעמטע פאַדקאָווע".
„ס'וועט אַ שטויבל מיינס,
איבער מיר,
זיך אויפהויבן
און ווייט,
אין לופט אריין
זיך טורעמען".

גענוג ציטאַטן. די לידער געפעלן מיר זייער.

דיין,

חיים

ניו־יאָרק, דעם 18טן דעצעמבער, 1925

ליבער דוד: —

ליבער, איך בענק נאָך דיר און נאָך דיין גאַנץ הויזגעזינד. טייערער דוד! איך אַרבעט שוין ווייטער נישט; די אַרבעט האָט זיך אָפּגעשטעלט.

ביי אברהם רייזענען בין איך נאָך נישט געווען. איך בין געווען ביי מאַני לייב'ן, האָט ער מיר געזאָגט, אַז אין 2 וואָכן אַרום וועל איך האָבן אַרבעט ביי אים.

דו וועסט מיר מוחל זיין, וואָס איך האָב דיר יענע וואָך נישט געשריבן קיין בריוו. זיי מיר געקושט.

דיין, **חיים**

ליבהאַרציקע פרוי איידע, זייט מיר האַרציק געגריסט.

ליבער געררי! זייט מיר האַרציק געגריסט. טייערע גרוסן פאַר גוידעלען און אַנטשעלען. אייער,

חיים

ניו־יאָרק, דעם 22טן דעצעמבער, 1925

ליבער דוד: —

וואָס ביסטו אויף מיר ברוגז, וואָס דו שרייבסט מיר נישט קיין ענטפער?

טייערינקער, פאַרוואָס שרייבסטו מיר נישט? דו ווייסט — איך האָב דיך וואונדערלעך ליב... האָסט אַן איידעלע נשמה און אַן איידל האַרץ.

טייערער דודשי, זיי מיר מוחל, וואָס כ'האָב דיר פאַרשאַפט ווייטיק מיט מיין אַוועקפאָרן פלוצלינג. וועמען, וועמען כ'האָב באַדאַרפט אָנ־טאָן עגמת־נפש — נאָר דיר נישט. דו, מיין פליגל־קינד ליידסט אַזוי אויך.

האָסט געלעזן מיינע לידער אין „צוקונפט"? זיי מיר געקושט.

דיין,

חיים

איך גרוס האַרציק דיין ליבע איידען און איך קוש דיינע קינדער־לעך. שרייב מיר. אַ פריינטלעכן גרוס געררין, און די ליבע שוועסטער דיינע, בעקי און סערען.

דיין, **חיים**

ניו־יאָרק, דעם 2טן מערץ, 1926

ליבער דוד: —

מיט אַ טיפן אינערלעך געפיל, בין איך אָפּגעפּאָרן פון דיר. ס'איז מיר אַזוי אַ שאָד געווען דיך צו פאַרלאָזן! אַזוי ברידערלעך פיל איך מיך צו דיר. יעצט דיין גוטע אידע, זי איז מיר געוואָרן אַ שוועס־טער! אַזוי טיף, אינערלעך פיל איך צו איר אַ התקרבות. און דיינע קינדער? דיין גוידעלע איז מיר, מיינס אַ כלהלע! דיין אַנטשעלע און איטשעלע — ווי זיי וואָלטן געווען מיינע קינדער! איר זייט אַלע מיינע!

זיי מיר געגריסט און האַרציק געקושט, מיט אַלע אינאיינעם.

דיין,

חיים

נ.ב. שיק מיר צו דאָס ביכל „אינדערלייטערונג" איך דאַרף עס.

ניו יאָרק דעם 10טן אָקטאָבער 1926

טייערער דוד:

איך מיין נישט קיין שפּאַס. איך וויל אַרבעטן אין פּעטערסאָן. ס'איז מיר פאַרמיאוסט געוואָרן דאָס אַרומדרייען זיך ליידיק.

על־כן, וויל איך אָנהויבן אַרבעטען ביי וועבעריי. פרעג זיך נאָך ביי וועמען, פרעג הענעך לייזעראָוויטשן, אפשר ווייסט ער, וואו ס'איז דאָ צו אַרבעטען אויף צוויי שטולן. איך וויל באַהאַלטן זיך פון אַלעמען איך וויל שאַפן דאָס גרויסע ליד.

זיי מיר געקושט מיט אַלעמען מיט גערין און לייזעראָוויטשן.

דיין,

חיים

נ. ב. שיק מיר דעם בריוו פון ש. ניגערן.

ניו־יאָרק, דעם 20סטן אָקטאָבער, 1926

טייערער דוד:

נאָר־וואָס איבערגעלייענט דעם פערטן נומער „זעגלען". דאָס איז דער געלונגענסטער נומער ביז אַהער. וואָס זאָגט עפּעס גוידעלע צו מיינע לידער, אין וועלכע איך באַזינג זי?

דיינע לידער דודשי, האָבן דאָ ביי אַלעמען געמאַכט אַ גרויסן רושם. ביסט מיר נאָענט מיט דיינע עכטע לידער־שורות און אַז דו זאָגסט:

„גאָט,
וואָס וועסטו טאָן
ווען כ'וועל קומען?"

ביסטו טיפער, אייגנאַרטיקער. און שטאַרקער פון רילקען, און דו ווערסט מיר נאָך אייגענער. ביסט מיר נאָענט מיין טייערער.

גריס די חברים: אַ. שלאָמאָוויטשן, ש. ד. זינגערן און העגעך לייזעראָוויטשן. כ'האָב זיי אַלע געלייענט. זינגער שרייבט קורץ־אָטעמ־דיק. ער דאַרף נאָך אַרבעטן אויף זיך. זיין מבינות געפעלט מיר שטאַרק. ער פילט דיכטונג, און איז אַן אמתער מבין. גריס דעם וואוילן תנחום בערנשטיין, און זיין שיינע פרוי רעגינע.

איך נעם דיך אַרום. דיין

חיים

ניו יאָרק, דעם 20סטן אויגוסט, 1927

פשוטער דוד,

איך וויל אויסדריקן מיינע געפילן צו דיר, דיין ווייב און דיינע קינדערלעך: דו ביסט אַ פשטן. דיין ווייב איז אַ גוטינקע, אַ טייערע נשמה. דיין גוירדעלע — אַ גוטער מלאך! אַ טייער קינד. און דיינע ייִנגעלעך — וואוילע פּופּטשיקלעך.

איך קום שבת. שרייב מיר, ווי מיינע עסייקעלעך געפעלן דיר. אַ באַזונדערן גרוס פאַר דיין גוירדעלע, די שטילע טויב. אַ האַרציקן גרוס העגעך לייזעראָוויטשן. דיין,

חיים

ניויאָרק, דעם 24טן אַפּריל, 1928

מיין עלנטער דוד: —

דו ביסט עלנט, ווי איך. — יאָ, איך בין עלנט, איינזאַם. וואָס מאַכסטו, שטיל קינד? וואָס מאַכט דיין גוטע איידע? דיין ליבינקע גענענדל? (גוירדעלע) און די גוטינקע יינגעלעך?

גוט קינד, פאַרגיב מיר, מיין נישט קומען צו דיר — איך וועל צו דיר אין קורצן קומען.

י. י. סיגאַל גיט אַרויס אַ זשורנאַל, זיי אַזוי גוט און שיק עפּעס צו.

זיי מיר געקושט און האַרציק געגריסט מיט דיין איידען און טייערינקע קינדערלעך. אַ גרוס פאַר אַלע, וואָס פרעגן זיך אויף מיר.

דיין,

חיים

ניו יאָרק, דעם 10טן מאַי, 1928

פאַרבענקטער דוד מיינער:

מיר, איך און סיגאַל קומען אויף שבת. זיי מיר געגריסט מיט דיין ווייב און קינדערלעך און גערין — מיין גרוס.

האַרציקע גרוסן פאַר ר׳ הענעך לייזעראָוויטשן און ר׳ וואָלף געלבאַרטן. דיין,

חיים

ניו יאָרק, דעם 25סטן נאָוועמבער, 1929

מיין ליבער דוד: —

טו מיר פאַרגעבן, וואָס איך האָב אַזוי לאַנג נישט צו דיר געשריבן. פאַרגיב מיר. וואָס מאַכסטו? וואָס מאַכט איידע און די קינדערלעך? שרייב מיר, גוטינקער.

יעצט האָב איך פאַר דיר אַ נייעס? איך און חברה גייען אַרויסגעבן אַ זשורנאַל, וויל מען דיין מיטאַרבעטערשאַפט. על־כן, שיק לידער, באַטייליקטע זיינען: סיגאַל, דו, ש. ד. זינגער, הערמאַן גאָלד, איך און אַנדערע, דער זשורנאַל וועט זיך רופן „בויגנס".

זיי מיר געקושט מיט דיין ווייב און קינדערלעך. דיין,

חיים

ניו־יאָרק, דעם 28טן נאָוועמבער, 1929

ליבער דוד: —

איך האָב דיינע לידער געגעבן צו לעזן דעם פּאָעט פרינץ און זיי געפעלן אים — פריי איך זיך. זיי מיר געקושט. דייך,

חיים

ניו־יאָרק, דעם 3טן דעצעמבער, 1929

ליבער דוד: —

דו ביסט אַ גרויסער דיכטער! כ׳האָב געלעזן דיינע ווידוי׳ס מיט גרויס אינטערעס — אַ לויטערקייט לייכט אויף דיין שטערן — ביסט באַזעלט מיט אַ גרויסע נשמה. ביסט אַ טיף אינדיווידועלער דיכטער, ס׳העכסטע האָסטו דערגרייכט אין דער דיכט־קונסט; כ׳האָב דיך ערשט היינט פאַרשטאַנען.

זיי מיר געזונט און געגריסט. דייך,

חיים

ניו־יאָרק, דעם 5טן יאַנואַר, 1930

ליבער דוד: —

ביסט ברוגז אויף מיר צי נישט — איך מוז שרייבן. געצוואונגען צו שרייבן האָט מיך דיינע שפּילנדיקע לידער:

„ווי אַ טויב אַ מעוברתדיקע”

גאָט מיינער! ווער האָט אַזוי געזונגען?! די אַלטע יאַפּאַנעזער האָבן אַזוי געקענט שירה זאָגן. און ווייטער:

„ליגט זיך אַזוי אַ בריאהלע אַ קליינס
און רינגלט מיטן צינגל
זונעלעך אויס”.

ווער, ווער האָט אַזוי געטרעלט? איך הער די אַלטע פּערסיאַנער קומען צו תחית־המתים. די אַלטע אגדה לעבט אויף!

דוד, דו ביסט געקומען צו אַ מעמד! אַ שטאַנד! אַ מדרגה! איך לעז די לידער אָן הפסקה — אָן אויפהער.

כ׳בין נעכטן געווען ביי ברוך קאַצענעלסאָן, און מיר האָבן ביידע אַ נחת־רוח געהאַט פון דיין „טרעלן” כן־ירבה!

על־כן, ביסט, הייסט עס, ברוגז פונדעסוועגן שרייב איך דיר. כ׳ווייס נישט, אויב כ׳בין אַ חכם צי אַ נאַר. נאָר איך גלויב אָן מיין געפיל — און דאָס געפיל דיקטירט מיר אַזוי.

זיי געזונט. איך גריס דיין אידן גענענדלען (גוירטרוד) אַנטשעלען און אוירווינגעלען. באַזונדער אַ גרוס פאַר דיין וואוילן ברודער גערין, און האַרציק גריס מיר דיינע שוועסטער — בעקי און סערע.

דיין,

חיים

ניו־יאָרק, דעם 5טן מערץ, 1936

פאַרבענקטער דוד:

שוין זייער לאַנג ווי איך האָב צו דיר נישט געשריבן — זייער לאַנג. זיי מיר מוחל, די עולה וואָס כ׳בין קעגן דיר באַגאַנגען. טייערער דודשי, וואָס מאַכסטו? דיין אידע מיט די קינדערלעך וואָס מאַכן? ווי גייט עס ליטעראַריש? שרייבסטו? אַרבעטסטו? וואָס מאַכט עפּעס לייזעראָוויטש? איז ער נאָך אין פּעטערסאָן? און וואָס מאַכט וואָלף געלבאַרט? שרייב מיר אַ בריוול. ביי מיר איז נישטאָ קיין נייעס.

זיי מיר געזונט און געשטאַרקט און האַרציק געגריסט.

דיין,

חיים

ניו־יאָרק, דעם 8טן מאַי, 1936

ליבער דוד: —

פאַרבענקט קינד מיינס, שטילע טויב — האָסט אַ נאַטור פון אַ גוטע טויב — לויטער גוטסקייט קומט פון דיר.

וואָס מאַכסטו? פילסטו בעסער? וואָס מאַכט די צווייטע טויב — די וואוילע אידע וואָס מאַכט? די שטילע גוטע טויב. און דיין טייערע געגענדל מיט די וואוילע וועווערקילעך — די יינגעלעך וואָס מאַכן?

זיי געזונט און האַרציק געגריסט. גרוסן האַרציקע פאַר אַלעמען.

דיין,

חיים

ניו־יאָרק, דעם 15טן יוני, 1936

ליבער דוד: —

זינגסט ווי דער ווינט — פריי.
דיין ליד דערפרישט, היילט —
אין מיינע שלאָפלאָזע נעכט
און איינזאַמע טעג.
דערציילן וועל איך אַ מעשהלע:
„ס׳האָט זיך אַ שטראַל
פאַרבענקט צו דער ערד,
איז ער געפאַלן
אין ים אַריין —
האָט אים
אַ כוואַליע פאַרשלונגען —
דער שטראַל ביסטו
און פון די שטראָמען
גייט אויף —
דיין שיין פאַרבענקט ליד.“

וואָס מאַכסטו? און דיין טייערע גוטע איידע מיט די וואוילע קינדערלעך וואָס מאַכן? זיי מיר געקושט.

דיין,

חיים

ניו־יאָרק, דעם 14טן אויגוסט, 1936

מיין ליבינקער דודל,

ס׳איז זייער שיין פון דיין זייט צו מיר אַזוי צו שרייבן — ס׳זיינען גרויסע לידער — דיינע געזאַנגען. נו, נו, כ׳בין עס נישט ווערט; מיט וואָס האָב איך זיך פאַרדינט אַזאַ געזאַנג? מיט וואָס? כ׳בין אַ פּראָס־טער בשר ודם — נישט מער! כ׳שרייב גאָרנישט לעצטנס אין סאַנאַ־טאָריום.

זיי מיר געקושט מיט דיין איידען און קינדערלעך, דעם באַשיידע נעם ברודער גערין און די ליבע שוועסטער — בעקין און סערען — מיינע האַרציקע גרוסן.

דיין,

חיים

ניו־יאָרק, דעם 27טן סעפּטעמבער, 1936

ליבער דוד:—

שיין איז דיין ליד, שיין און אָריגינעל. שרייבסטו פיל? קלייב די פּערל! ווּעסט האָבן אַ וואונדערלעך בוך: פּאַראייניקט פאַנטאַזיע מיט געפיל אין איין באַנד. אַ טייערן בוך! וואָס מאַכסטו? אַרבעטסטו נעבעך שווער? וואָס מאַכן אײדע מיט די קינדערלעך?

זיי מיר געקושט און האַרציק געגריסט.

דיין,

חיים

ניו־יאָרק, דעם 6טן יאַנואַר, 1938

מיין דודל,

ווער ווייסט, וואָס דו קלערסט אויף מיר, וואָס איך האָב אָן דיר פאַרגעסן. ניין, כ'האָב דיך אינזינען יעדן טאָג, ניין, כ'קאָן נישט פאַרגעסן אָן דיר. האָסט מיר געגעבן שיינע שעהן ווען איך בין געווען אין פּעטערסאָן. אַך, הערלעכע מינוטן האָבן מיר געהאַט! געדענקסטו דאָס אַלץ?

זיי מיר געקושט און האַרציק געגריסט מיט דיין טייערע אײדען און וואוילע קינדערלעך.

דיין

חיים

ניו־יאָרק, דעם 10טן מאַי, 1939

ליבינקער דודל —

מיט צער האָב איך דיין בריוו געלעזן — דו ווערסט נעבעך גרוי, ווי אַ טויב — ווי, ווי איז צו אונדז. איך ווער נישט גרוי — אויסער־לעך. ווער איך גרוי — אינערלעך.

מיין טייערינקער דוד, איך האָב דיך תמיד אין זין געהאַט — כאָטש כ'האָב נישט געשריבן די גאַנצע צייט.

קום אַמאָל צו צו מיר.

זיי מיר געקושט מיט דיין אײדען, גוירדעלע, אַנטשעלע און אוירוווינגלען.

דיין,

חיים

ניו־יאָרק, דעם 6טן יולי, 1940

ליבער דוד: —

דערהאַלטן דיין פילאָזאָפיש קלוגן בריוו — אַ דאַנק דיר.

דערפרייט זיך מיט דעם שיינעם בריוו. דיין פּאָעטיש פילאָזאָפי־שער חן רעדט אַרויס פון בריוו.

ליבער דוד, ווי נעמט מען יענע יאָרן, וואָס זיינען פאַרפלויגן פון אונדזערע אויגן. כ'מיין יענע יאָרן, ווען מיר זיינען געווען צוזאַמען. איך חלום גאַנצע טעג פון זיי — אַך, יענע שיינע טעג! כ'האָב דאָך געאַרבעט — נאָר ליב זיינען מיר געווען די טעג. ליב דודל, ווען וועלן מיר נאָך האָבן אַזעלכע טעג? כ'האָף זיי נאָך צו האָבן... קום צו פאָרן, קום.

זיי מיר געקושט און האַרציק געגריסט מיט דיין פרוי און קינ־דערלעך.

דיין,

חיים

ניו־יאָרק, דעם 23טן פעברואַר, 1942

ליבער דוד: —

דערהאַלטן דיין בוך — אַ דאַנק. געלייענט דיין בוך. כ'קאָן דיר שרייבן, אַז דו ביסט אַ גרויסער דיכטער. עס וועלן דיך אַ סך נישט פאַרשטיין, אָבער איך פיל דיך וואויל. דו ביסט אולטראַ־סענטימענטאַל — אָריגינעל אין דיין שאַפן. אַז איך וועל האָבן כח, וועל איך שרייבן וועגן דיין אייגנאַרטיקן בוך. כ'האָף אַז יאָ.

וואָס מאַכסטו? און דיין טייערע אידע מיט די וואוילע קינדערלעך וואָס מאַכן? זיי מיר געזונט און שטאַרק.

דיין,

חיים

ניו־יאָרק, דעם 6טן אַפּריל, 1942

פאַרבענקטע דודל,

גערזען דערמאָנט דיין בוך, פרייט עס מיך. אָ, ווי כ׳וואָלט געוואָלט שרייבן וועגן דיין וואונדערלעכן בוך — דינען מיר נישט די הענט.

ווי פילסטו? דיין איידע מיט די קינדערלעך וואָס מאַכן? כ׳האָב דיך שוין לאַנג נישט געזען, אפשר קאָן דיך ווער ברענגען צו מיר? אַ שאָד, וואָס דו קאָנסט נישט און ווייסט נישט ווי צו פאָרן.

זיי מיר געקושט און האַרציק געגריסט מיט דיין איידען און קינדערלעך.

דיין,

חיים

צוויי בריוו פון דר. א. א. ראָבאַק

קעמברידזש מאַס. דעם 16טן אַפּריל, 1942

טייערער קאָלעגע דוד פּעפּער:

אַ דאַנק אייך פאַר אייער בוך לידער. כאָטש זיי זיינען קורצע, אָבער אייגנאַרטיק אין הויכער קוואַליטעט.

אייער איבערגעגעבענער,

דר. א א. ראָבאַק

קעמברידזש, מאַס. דעם 10טן אַפּריל, 1947

מיין ליבער דוד פּעפּער:—

איך בעט אייך נעמט אָן מיין האַרציקן דאַנק, פאַר אייער ניי בוך לידער, וואָס דריקן אויס די געפילן איבער דעם פאַרלוסט פון אייער פרוי.

אייערע שאַפונגען זיינען עכט, אייגנאַרטיק און קלינגען געניאַל. פיל פון די לייענער וואָלטן זיך געוואונטשן צו זען אייער פּרויס פאָרט־רעט אין בוך.

אייער איבערגעגעבענער,

דר. א. א. ראָבאַק

אַ בריוו פון י. ה. ראַדאָשיצקי

ברוקלין, נ. י. דעם 23טן פעבר., 1942

מיין ליבער דוד פעפער: —

איך האָב געלייענט עטלעכע לידער אייערע. געפעלן זיי מיר. נעם איך פון חיים קרולן דאָס בוך אַהיים צו לייענען.

מיט גרוס, אייער

י. ה. ראַדאָשיצקי

אַ בריוו פון ראַבאַי. דוד ראָזענפעלד

בוירלינגטאָן נ. דזש., דעם 12טן אויגוסט, 1943

טייערער חבר דוד פעפער: —

איך דאַנק איך זייער פאַר אייער בוך לידער. לערנענדיק מיט די קינדער אייניקע לידער פון אייער בוך, האָבן זיך די קינדער ממש מחיה געווען.

דעם אַנדערן בוך וועל איך איבערגעבן דר. האָרוויצן.

זייט מיר פריינטלעך געגריסט מיט אייער פרוי און קינדער.

אייער פריינט, ראַבאַי, **דוד ראָזענפעלד**

וועגן דוד פעפערס לידער פון י. א. ראָנטש

(פון אַ רעצענזיע וועגן „זעגלען" געדרוקט אין „די פעדער" ניו יאָרק, 1926)

דוד פעפערס פאָרם און אינהאַלט זיינען ניי. ער איז אַן אָריגי־נעלער דיכטער.

וועגן דוד פעפערס לידער פון אברהם רייזען

(פון אַ גרעסערן אַרטיקל געדרוקט אין די „פעדער", ניו יאָרק, 1942)

דער מאָדערנער פּאָעט דוד פּעפּער פון פּעטערסאָן, וואו אין זיין זאַמלונג לידער זיינען דאָ אַזעלכעס און אַזעלכעס, וואָס באַגייסטערט אַזש — און דווקאָ בלויז אַ וועבער אין פּעטערסאָן, און אפשר אָט־דערפאַר זיינען זיינע לידער אַזוי עכט, אַזוי ריינד־שיין און טאַקע מאָדערן!

אַ בריוו פון ישעיה שפיגל

לאָדזש, דעם 3טן אָקטאָבער, 1926

טייערער חבר דוד פעפער: —

ראשית, אַ דאַנק פאַרן בילד. והשנית, פאַר די אַלע זשורנאַלן, וואָס חיים קרול שיקט מיר, ווייל כ'גלויב, אַז איר האָט אין דעם שיקן אויך אַ חלק.

מיך פרייט באמת, וואָס חיים האָט אין אייך געפונען אַזאַ איבער־געגעבענעם חבר און פריינד. מיר האָבן דאָך אין לעבן אַזוי וויניק גוטע חברים. טיילמאָל גאָרנישט כמעט, נישט אמת? ווי איז אייער מיינונג, חבר פעפער, וועגן באַנייען דעם זשורנאַל „שוועלן", אָבער לחלוטין אויף אַנדערע יסודות ווי פריער? איך האַלט אַז מיר קאָנען עס היינט טאָן. שרייבט וועגן דעם.

איך לעז פון צייט צו צייט אייערע לידער אין „די פעדער", וואָס מאַכן אַ גוטן איינדרוק. שרייבט מיר.

זייט געזונט און געגריסט. אייער,

ישעיה שפיגל